בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם

ע"ד הסלולה של

רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות

מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קכ"ו

**יו"ל: כ"ב אלול ה'תשפ"ג לפ"ק**

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 30$
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח"כ 126#**

# תוכן השיעור

**"טרינקען טיי פאר די תקיעות?!"**

**נישט גערעדט מיט זיי קיין תורה**

**נישט געפארן קיין בערלין**

**"וְהָיָה מְבַלֶּה עַל זֶה זְמַן הַרְבֵּה"**

**"הָיָה נִדְמֶה לָנוּ שֶׁבְּוַדַּאי**
**לֹא יִהְיֶה לָנוּ עוֹד בְּחִירָה"**

**"אַל תִּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל"**

**המחלוקת על מוהרנ"ת**

**'אה, דו ביסט דאך מיין קרוב!'**

**הזכרת שמות הצדיקים על שם אמם**

**"וּכְאָב אֶת בְּנוֹ הִרְצַנִי"**

**"דאס איז נישט קיין ברסלב'ער!"...**

**"צו וואס גייסטו מיט דעם שלעפער אין גאס?!"**

**נישט געוואוסט פון דעם גאנצן עסק**

**וואס הייסט "ואם לאו - לאו"?**

**בענין חינוך הבנים**

**געוואלט איבערקערן דער באנק**

**"דער יורה דעה זאגט - דיר קומט א פאטש!"**

**נישט קושן און נישט פאטשן**

**אנטלאפן פון דעם טאטנס פעטש רח"ל**

**דאס חשיבות פון חינוך ביי רבי נתן'ען**

**נישט געהייסן קיין שווערע זאכן**

**געהיילט דעם פוס אין מקוה**

**ר' יעקב ישעי' - חותן ר' אהרן קיבליטשער**

**"הָיִינוּ מִתְגַּלְגְּלִים אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת בֶּעָפָר"**

בס"ד

# פרשת תרומה (ח"ב)

שנת תשל"ו

(טייפ מס' 138#)

## "טרינקען טיי פאר די תקיעות?!"

עס איז באוואוסט אז דער באַרדיטשוב'ער רב [- דער רבי רעדט דאך פון אים זייער גרויס, דער רבי האט אים גערופן דער "פְּאֵר"[א]] איז געווען א שבת אין אומאן, ער האט געוואלט ווערן דער אומאנער רב. אסאך צדיקים האבן געוואלט ווערן רב אין אומאן - דער שפיטיווקער רב איז אויך געווען א שבת אין אומאן.

מען האט אבער נישט געקענט טוהן קיין שום זאך אָן די מחקרים, זיי זענען געווארן די בעלי בתים פון שטאט. ווי זיי (המחקרים) זענען נאר אריינגעקומען (אצל הבארדיטשובער רב), איז ער אנטלאפן אין אַן אנדער חדר - ער האט נישט געוואלט קוקן אויף זיי. האבן זיי גלייך געזאגט: "דו האסט דא נישט קיין פלאץ, דו קענסט דא נישט זיין, און שוין!".

ביים רבי'ן איז געווען אזוי: בשעת זיי זענען אריינגעקומען צום רבי'ן, האט דער רבי דעמאלט גערעדט פון א דבר תורה. ווי דער רבי האט זיי געזעהן, האט ער געגעבן א דריי-אוים דעם שמועס און אריין אין א חשבון. זיי האבן געזעהן אין דעם חשבון אז דאס איז עפעס א גרויסער חשבון, האבן זיי שוין געזעהן אז דאס מיינט ער נישט זיי (- חסידיו). דערווייל האבן זיי אנגעהויבן קלערן אין דעם חשבון, זעהען זיי אז דאס איז גאר א גרויסער חשבון, זיי ווייסן נישט דעם חשבון. זענען זיי

---

[א] עיין חיי מוהר"ן אות; ע"ר; שיחות הר"ן קצ"ו.

**צוגעגאנגען צום רבי'ן: "נו, זאגט, זאגט!" האט דער רבי געזאגט דעם חשבון, זענען זיי שוין געווארן צוגעצויגן צום רבי'ן.**

**רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן[ב], 'דער רבי האט אזויפיל גע'פועל'ט מיט דעם - אז ער האט זיי מכניע געווען, ער האט ממש גענומען דעם "מצח הנחש"[ג] און משפיל געווען'. און מיט וואס? ער האט גערעדט מיט זיי, געשמועסט מיט זיי[ד].**

**זיי זענען דאך געווען דער מקור פון אפיקורסות! זיי זענען געווען ממש דער 'יד ימינו' פון דעם דאזיגן ימח שמו'ניק פונעם "ביאור"** (- משה מנדלסון שר"י) **- ער איז געווען א געוואלדיגער** (קליפה)**.**

**הירש בער האט געזאגט: "איך האב שוין לאנג געשווארירן אז איך וועל נישט דערמאנען דעם אויבערשטנ'ס נאמען, נאר אז איך קום אריין צום רבי'ן רייסט מען מיר ביי די פָּאלעס: 'הירש בער! ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט! ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט!'"[ה].**

---

[ב] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות תרי"ח.

[ג] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד'.

[ד] עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא צ"א: **וְזֶה עִנְיַן מַה שֶּׁהַצַּדִּיקִים מְדַבְּרִים עִם אֲנָשִׁים שֶׁאֵינָם הֲגוּנִים אוֹ אֲפִלּוּ עִם עַכּוּ"ם**, וכו', עיין שם. עיין גם ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ה"ד, אות ט"ז: הַצַּדִּיק הָאֱמֶת בְּעֹצֶם חָכְמָתוֹ מוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ אֲלֵיהֶם כָּל כָּךְ עַד שֶׁנִּדְמֶה כְּאִלּוּ עוֹשֶׂה מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת, כִּי מְדַבֵּר עִמָּהֶם שִׂיחַת חֻלִּין וְאוֹכֵל וְשׁוֹתֶה עִמָּהֶם **וּפְעָמִים מְטַיֵּל וּמְשַׂחֵק עִמָּהֶם וְכָל כַּוָּנָתוֹ כְּדֵי לְקָרְבָם עַל יְדֵי זֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. וְכַמּוּבָן בִּדְבָרָיו ז"ל בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת** (ח"א סימן ס' ח"ב סימן ע"ח) כַּמָּה וְכַמָּה הַצַּדִּיק מוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ אֶל הָעוֹלָם שֶׁכָּל זֶה נֶחְשַׁב אֶצְלוֹ מַעֲשֵׂה נַעֲרוּת, אֲבָל כַּוָּנָתוֹ רְצוּיָה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד בִּשְׁבִיל לְקָרֵב הָרְחוֹקִים מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְקָרְבָם כִּי אִם עַל יְדֵי זֶה.

[ה] עיין חיי מוהר"ן אות תרי"ד: וַאֲפִלּוּ הָרְשָׁעִים שֶׁבִּקְהִלַּת קֹדֶשׁ אוּמַן כֻּלָּם הָיוּ כְּרוּכִים אַחֲרָיו וְנִתְעוֹרְרוּ קְצָת עַד שֶׁהָיוּ לָהֶם כַּמָּה וְכַמָּה הִרְהוּרֵי תְשׁוּבָה, מַה שֶּׁלֹּא עָלָה עַל לִבָּם מֵעוֹלָם. כַּאֲשֶׁר סִפְּרוּ בְּפִיהֶם בְּפֵרוּשׁ, שֶׁכְּבָר הִתְיָאֲשׁוּ עַצְמָן, **וְהָיוּ כִּמְשֻׁבָּעִים וְעוֹמְדִים שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לָהֶם שׁוּם הִרְהוּר תְּשׁוּבָה**, וְהָיוּ רְחוֹקִים לְגַמְרֵי מִשּׁוּם צַד הִרְהוּר תְּשׁוּבָה כַּמְפֻרְסָם לְכָל מִי שֶׁהָיָה מַכִּיר אוֹתָם. וְעַל יְדֵי דִבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים הִגִּיעַ אֲלֵיהֶם גַּם כֵּן הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, **אַף עַל פִּי שֶׁמֵּעוֹלָם לֹא דִּבֵּר עִמָּהֶם מֵעִנְיְנֵי תְּשׁוּבָה וּמֵעִנְיְנֵי קְדֻשָּׁה, כְּלָל כְּלָל לֹא, רַק אַדְּרַבָּא תָּמִיד הָיָה מְדַבֵּר עִמָּהֶם שִׂיחַת חֻלִּין וְסִפּוּרִים בְּעָלְמָא**, אַף עַל פִּי כֵן נִמְשְׁכוּ אַחֲרֵי הַקְּדֻשָּׁה מִדִּבּוּרִים שֶׁלּוֹ לְבַד, עַד שֶׁהָיוּ סְמוּכִים מְאֹד לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. **וְאִם**

דער רבי האט זיי קיין תורה נישט געזאגט. דער רבי האט אמאל א זאג געגעבן אינמיטן זומער צו רבי נתן'ען: **"דערצייל זיי אמאל א מעשה פונעם בעל שם!".** איז רבי נתן'ען געווען קשה פארוואס הייסט אים דער רבי זיי דערציילן א מעשה פון בעל שם - "זיי?!". האט דער רבי געזאגט: **"וואס מיינסטו מיין איך? 'ספרו בגוים כבודו'!"**[ו].

ווען דער רבי איז נסתלק געווארן, האבן זיי אמאל געזאגט צו רבי נתן'ען: "אייך פעלט דער רבי? **אונז פעלט דער רבי!"** - אונז פעלט דער רבי!

(ר' מאיר קארליבאך: זיי האבן געזאגט אז אויב דער רבי וואלט געלעבט וואלטן זיי געווארן -) **יא,** וואלטן זיי געווארן אמת'ע בעלי תשובה![ז]

ווען עס קומט ראש השנה און מען מאכט קידוש פריער, דערמאן איך זיך - איך האב געוואלט אמאל רעדן דערפון, נאר איך האב מורא, איך וויל נישט מעורר דינים זיין - אז די דינסט איז אריינגעקומען צו זיי, זיי זאלן גיין טרינקען טיי. האבן זיי געענטפערט: **"פאר די תקיעות וועלן מיר טרינקען טיי?!"** - זיי האבן נישט געוואלט טרינקען טיי פאר די תקיעות! - און ביי אונז...

(ר' נחמן בורשטיין: דער רבי האט געזאגט אויף זיי: **"אז איינער פון זיי טוהט זיך א בייג - בייגן זיך די הימלען!"**) בייגן זיך די הימלען! יא יא![ח]

❖

לֹא הָיְתָה נִטְרְפָה הַשָּׁעָה שֶׁהִתְגַּבֵּר הַקִּטְרוּג מְאֹד וְנִסְתַּלֵּק בְּאֶמְצַע, בְּוַדַּאי הָיוּ שָׁבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ וְכוּ' וְכוּ'.

[ו] תהלים צו, ג.

[ז] עיין חיי מוהר"ן אות ר"ח, "אמר המעתיק": וּבֶאֱמֶת הוֹדוּ בְּעַצְמָם וְלֹא בוֹשׁוּ אֵלּוּ הַקַּלֵּי עוֹלָם שֶׁאִלְמָלֵי לֹא נִפְטַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּזְמַן קָרוֹב כָּל כָּךְ לִכְנִיסָתוֹ לְאוּמֶין, הָיוּ בְּוַדַּאי חוֹזְרִים בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת.

[ח] חיי מוהר"ן אות קצ"ג: אָמַר אֵלּוּ הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים כְּשֶׁנִּכְנָסִים לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת, הַהַכְנָעָה בְּעָלְמָא שֶׁהֵם מַכְנִיעִין עַצְמָן קְצָת לְפָנָיו לֵילֵךְ אֵלָיו וּלְכַבְּדוֹ, מִזֶּה בְּעַצְמוֹ נַעֲשֶׂה תִּקּוּן גָּדוֹל מְאֹד בְּמָקוֹם שֶׁנַּעֲשֶׂה, כִּי לְפִי גֹּדֶל רִשְׁעָתָם הַגְּדוֹלָה מְאֹד, כְּשֶׁהֵם מַכְנִיעִין עַצְמָם הַכְנָעָה בְּעָלְמָא לִפְנֵי הַצַּדִּיק

# נישט גערעדט מיט זיי קיין תורה

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: די לעצטע תורה[ט] איז רבי נתן איבערגעגאנגען מיט הירש בער?) **עס** איז געווען אסאך זאכן וואס רבי נתן האט איבערגעפרעגט הירש בער. ער איז געשטאנען לעבן רבי'ן (בעת אמירת התורה), אים האט מען נישט געשטופט, פאר אים האט מען געהאט דרך ארץ (כי היה מקורב למלכות). רבי נתן'ען האט מען געשטופט[י].

רבי נתן האט געזאגט: "ער האט נאר געוואלט אז די אויערן זאלן הערן וואס דער רבי זאגט!" - ווייטער האט מען געשטופט, געשטופט. נאר פאר הירש בער האט מען געהאט דרך ארץ. האט ער געהערט אסאך זאכן וואס רבי נתן האט אים איבערגעפרעגט. ער האט געהאט א גוטן קאפ, ער האט גוט געדענקט. רבי נתן האט דאך געוויזן דער תורה פארן רבי'ן - דער רבי האט דאך עס איבערגעקוקט, דער רבי האט עטליכע מאל פארראכטן דער תורה[יא]. רבי נתן האט געהערט פון רבי'ן דער תורה, נאר ער האט ארויסגעהאלפן.

מען זעהט דאך אז דער רבי האט פאר זיי קיין תורה נישט געזאגט[יב]. נאר וואס דען? ווייזט אויס, כל זמן עס איז נאך נישט געווען מושרש אין זיי א ריח פון אמונה, טאר מען זיי טאקע נישט זאגן קיין תורה. נאר ווייזט אויס, ראש השנה האבן זיי שוין געמעגט הערן, זיי זענען שוין געווען ביי א ריח פון אמונה, ער האט שוין געהאלטן

---

הָאֱמֶת. מִזֶּה נַעֲשֶׂה תִּקּוּן גָּדוֹל מְאֹד, כִּי יִשְׂרָאֵל אוֹמְרִים בְּכָל יוֹם כַּמָּה פְּעָמִים כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל אֱלֹהִים וְלֹא נַעֲשֶׂה מִזֶּה רַעַשׁ גָּדוֹל כָּל כָּךְ. וּכְשֶׁבָּא יִתְרוֹ וְאָמַר כִּי עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ד' כְּדֵין אִתְיַקַּר וְאִסְתַּלַּק שְׁמָא דְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֵלָּא וְתַתָּא, כִּי דַיְקָא כְּשֶׁבָּא מְרוּחָק כָּזֶה מֵעִמְקֵי הַקְּלִפּוֹת וּמַכְנִיעַ עַצְמוֹ תַּחַת הַקְּדֻשָּׁה, מִזֶּה נִתְעַלֶּה וְנִתְגַּדֵּל שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ וְהָבֵן. גַּם שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ שֶׁאָמַר לְאֶחָד זֶה אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ שֶׁכְּשֶׁאֶחָד מֵהֶם מַטֶּה עַצְמוֹ (הַיְנוּ שֶׁנִּכְנַס אֵלָיו וּמַטֶּה עַצְמוֹ אֶל הַקְּדֻשָּׁה) אֲזַי מַטִּין עַצְמָן כָּל הָרְקִיעִין (אַז אֵיינֶער פוּן זֵייא טִיט זִיךְ אַבֵּייג, בֵּייגִין זִיךְ דִי הִימְלֶין).

[ט] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

[י] עיין חיי מוהר"ן אות רי"ט; ימי מוהרנ"ת אות נ"ג.

[יא] ימי מוהרנ"ת אות נ"ה.

[יב] עיין לעיל הערה ה'.

ביי עפעם - ער גייט שוין דאווענען, ער ווייסט שוין פון תקיעות - נישט טרינקען פאר די תקיעות דאס איז שוין א ריח פון אמונה.

דער רבי רעדט דאך אין תורה י"ד[יג] פון: "פרסה", און "פרסה ופלגא". דער רבי זאגט, א זון פונעם צדיק איז א "פרסה שלימה", ווייל ער ווערט געבוירן מיט גרויס קדושה. אבער א בעל תשובה איז נאר "פלגא" - האלב, ווייל ער האט נאך די אנדערע האלבע פון "בגדים צואים" וואס ער דארף נאך אראפוארפן. זעהט מען, ביי אזעלכע מענטשן - אפילו מען איז מקרב נאר א "פלגא", צו אפילו אפשר נאר א פערטל - אפילו עפעם - דאס איז א קלייניקייט?![יד]

(ר' חיים שלמה: נאך דער פטירה פון רבי'ן זענען זיי נאך געקומען צו רבי נתן'ען?) **דער רבי האט** אנגעזאגט רבי נתן'ען, ווען ער וועט זיין אין אומאן זאל ער רעדן מיט הירש בער - דער רבי האט אים אנגעזאגט.

און רבי נפתלי'ן האט ער געהייסן רעדן נאר מיט לאנדא - דער שוואגער זיינער (- של הירש בער), ער איז געווען א דאקטער, ער איז אויך געווען א מחקר, אבער נישט אזוי ווי הירש בער. און מיט הירש בער - נישט. דער שווער זייערער האט געהייסן חייקל. א שווער מיט צוויי איידעמער[טו].

זיי האבן געהאט ויכוחים מיט רבי נתן'ען, אבער דער רבי האט אים געהייסן רעדן. (איינמאל) איז געווען אזעלכע ויכוחים, אז רבי נתן האט געזאגט: "וואס האט דער

---

[יג] וזל"ש אות ה': "**פַּרְסָה**" זֶה רֶמֶז עַל הַמְשָׁכַת הַנְּשָׁמוֹת לִבְנֵיהֶם, זֶה מְכֻנֶּה בְּשֵׁם **פַּרְסָה שְׁלֵמָה**. וְהִתְנוֹצְצוּת שֶׁהַנְּשָׁמוֹת מִתְנוֹצְצִין וּמְאִירִין וּמְעוֹרְרִין אֶת הַפּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה וּמוֹלִידִין נִשְׁמוֹת גֵּרִים זֶה מְכֻנֶּה בְּשֵׁם **פַּלְגָא**, כִּי עֲדַיִן רְחוֹקִים מֵהַקְּדֻשָּׁה מְאֹד וְיָכוֹל לִהְיוֹת לָהֶם מְנִיעוֹת רַבּוֹת, וְצָרִיךְ לָהֶם יְגִיעוֹת רַבּוֹת כְּדֵי לְהַפְשִׁיט מֵהֶם **הַבְּגָדִים צוֹאִים** שֶׁהִלְבִּישׁוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (זְכַרְיָה ג): "הָסִירוּ הַבְּגָדִים הַצֹּאִים", כִּי אֵלּוּ הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים הֵם מוֹנְעִים אוֹתָם מִלַּחֲזֹר לַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, וְהֵם מַפְסִיקִים כְּמוֹ נָהָר הַמַּפְסִיק, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַהֲלֹךְ דֶּרֶךְ אוֹתוֹ הַנָּהָר, וְצָרִיךְ לְהַשְׁלִיךְ הַבְּגָדִים הַצּוֹאִים.

[יד] עיין ליקוטי מוהר"ן שם (ע"פ קיצור ליקו"מ): **עִקַּר כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא כְּשֶׁהָרְחוֹקִים בְּיוֹתֵר מְקָרְבִים אֶת עַצְמָן לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי אָז אִסְתַּלֵּק וְאִתְיַקַּר שְׁמָא דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא עֵלָּא וְתַתָּא** (זֹהַר יִתְרוֹ ס"ט ע"א), **וְנִתְגַּדֵּל כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ מְאֹד. עַל־כֵּן צָרִיךְ כָּל אָדָם לְהִשְׁתַּדֵּל מְאֹד לְקָרֵב הָרְחוֹקִים לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.**

[טו] עיין שיש"ק תרי"א אות ד'.

רבי געוואלט פון מיר האבן?!". אזעלכע מענטשן פרעגן דאך, זיי רעדן דאך ארויס וואס מיט זיי טוהט זיך, זיי רעדן דאך אלעס ארויס רח"ל.

אז דער רבי האט געהייסן רבי נתן'ען (רעדן), האט ער געוואוסט אז רבי נתן איז א בר דעת, ער ווייסט וואס צו ענטפערן, ער ווייסט וואס צו זאגן.

רבי נתן האט אמאל גערעדט מיט איינעם (מהמחקרים, שהתווכח עמו), האט ער יענעם געזאגט: **איך האב געזאגט הירש בער'ן: איך זאג דיר 'ויראה את ה"' - האט ער מיר געגלויבט!"**[טז].

אזא מין 'התגלות אלקות' וואס דאס הייסט 'ויראה את ה"'!

❖ ❖ ❖

## נישט געפארן קיין בערלין

רבי נתן האט מקרב געווען צוויי מענטשן, אויף וואס ער האט געזאגט, 'ער וועט זיך בארימען פארן כסא הכבוד מיט די צוויי מענטשן וואס ער האט מקרב געווען!'

- ער האט אסאך מענטשן מקרב געווען - ער האט מקרב געווען טויזענטערס, און ער איז נאך איצטער אויך מקרב מענטשן מיט זיינע הלכות, מיט זיינע בריוו, אבער בחייו האט ער מקרב געווען אזעלכע צוויי מענטשן:

- איינער איז געווען אין טולטשין. רבי נתן איז געווען אמאל ביים זון ר' יצחק'ן אין טולטשין. איז אנגעקומען איינער - אויך פון די מחקרים - נישט פון די דריי (הנ"ל). דעמאלט איז געווען דער "ביאור", דער חברה'מאן דארטן, משה דעסויער [ימ"ש],

---

[טז] מובא בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן אות ל"ב: פַּעַם אַחַת עָמַד לְפָנָיו צְבִי דֹּב מֵאוּמֶין, וְהִתְחִיל לְדַבֵּר עִמּוֹ בַּחֲקִירַת הָאֱלֹהוּת וְנִתְלַהֵב מְאֹד בְּרִשְׁפֵּי שַׁלְהֶבֶת וְעָנָה וְאָמַר לוֹ, מָה אַתָּה מְדַבֵּר עִמִּי מֵהַשֵּׁם אֲנִי אוֹמֵר לְךָ "וָאֶרְאֶה אֶת ה'", וּבִלְשׁוֹנוֹ אָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, **"וָואס שְׁמוּעֶסְט דוּ מִיט מִיר פוּן גָאט, אִיךְ זָאג דִּיר "וָאֶרְאֶה אֶת ה'"** (אָמַר הַמַּעְתִּיק, שָׁמַעְתִּי שֶׁדִּבֵּר פַּעַם אַחַת אֵיזֶה אִישׁ עִמּוֹ גַּם כֵּן מֵחֲקִירַת אֱלֹקוּת וְאָמַר לוֹ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן, 'אִיךְ הָאבּ הִירְשׁ בֶּערְ'ן גִּיזָאגְט **וָאֶרְאֶה אֶת ה'**, אוּן עֶר הָאט מִיר גִּיגְלוֹיבְּט' [לְהִירְשׁ בֶּער אָמַרְתִּי "וָאֶרְאֶה אֶת ה'" וְהוּא הֶאֱמִין לִי]).

ער איז געווען א געוואלדיגער מצח הנחש, און יענער איז געפארן קיין בערלין צו ווערן א תלמיד ביי אים, ער איז געפארן שטודירן דארטן.

אמאל איז נאך נישט געגאנגען קיין באנען - נאר די פּאָסט פלעגט צושטעלן פערד אויך. זיי פלעגן פריער באפעלן, 'זאלסטו וויסן - מיר דארפן האבן צוויי פערד' - און זיי האבן צוגעגרייט. אז יענער איז געקומען קיין טולטשין, איז אים שוין געווען אנגעגרייט צוויי פערד. מען פלעגט פארן דארטן א פופציג קילאמעטער, דערנאך האט מען געביטן און צוגעשטעלט דארטן אנדערע (פערד, בדואר בעיר האחרת) - אזוי איז געווען אמאל.

ער גיט א קום אריין - "עס איז דא פערד?" - "יא, עס איז צוגעגרייט!". ער גייט אריין - ער איז שוין געווען באקאנט דארטן מיט ר' יצחק'ן, זעהט ער עס דרייט זיך ארום דארטן אַן אלטער איד אין שטוב - רבי נתן האט זיך ארומגעדרייט. פרעגט ער: "ווער איז דער איד?" זאגט אים ר' יצחק: "דאס איז מיין טאטע!" - "קען מען מיט אים עפּעס רעדן?", זאגט ער: "יא, דו קענסט מיט אים רעדן!".

פארשטייט זיך, אז ער איז געפארן דארט שטודירן (- וואס ער איז נעבעך געווען...) אבער אז ער האט אנגעהויבן רעדן מיט רבי נתן'ען, האט ער שוין די פערד נישט גענומען, ער איז געבליבן, ער איז שוין נישט געפארן קיין בערלין, ער איז געווארן א בעל תשובה.

וועט ער זיך בארימען פארן כסא הכבוד וואס ער האט געבראכט א מענטש צום אויבערשטן! ער האט געוואוסט ווער ער איז...

דער אנדערער איז געווען - דער וואס האט געהויבן די פינגער (פארשמירט) מיט טינט (- געשריבן אום שבת רח"ל). מען האט אים גערופן "דער דייטשל"[יז].

אזעלכע גיפטיגע מענטשן געווען, אזא 'מצח הנחש', מען קען גארנישט רעדן דערפון. און פארוואס איז געווען אזוי (שנתקרבו)? ווייל זיי האבן נישט געזעהן פון רבי

[יז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות י"ג.

נתן'ען אז זיי האבן נישט קיין האפענונג! זיי האבן פון רבי נתן'ען געזעהן אז דאס רחמנות פונעם אויבערשטן איז אזוי פיל גרויס אז זיי האבן נאך אויך האפענונג!

זיי האבן דאך געוואוסט ביי זיך ווער זיי זענען, טאמער וואלטן זיי געזעהן עפעס א ווייטקייט - 'שוין! האבן מיר גארנישט קיין שייכות מיט דיר - דו ביסט אונז מרחק!'.

ביים רבי'ן האבן זיי דאס נישט געזעהן, זיי האבן געזעהן פונעם רבי'ן אז זיי האבן נאך אויך א האפענונג, זיי קענען זיך נאך אויך אומקערן צום אויבערשטן.

❖

## "וְהָיָה מְבַלֶּה עַל זֶה זְמַן הַרְבֵּה"

דער "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן" וואס דער רבי רעדט אין תורה ס"ד[יח], פון (די קשיות פון) "חלל הפנוי" - ממש די קשיות איז געווען ביי זיי. ווייזט אבער אויס, ווען דער צדיק זעהט אז ער קען אים ארויסנעמען עס זאל ווערן ביי אים אויס 'חלל הפנוי' - דעמאלט איז נישט "כל באיה לא ישובון"[יט]. אבער דער וואס פילט נישט דאס דאזיגע, קען גארנישט רעדן מיט אים, "כל באיה לא ישובון".

דער רבי - דאס איז אַן אנדער כח, דאס איז אַן אנדער כח!

עס איז געווען גרויסע צדיקים וואס עס זענען געקומען צו זיי געוואלדיגע בעלי עבירות, דער פגם אמונה זייערער איז געווען געוואלדיג, האבן זיי געזעהן אז זיי

---

[יח] אות ב', וזל"ש: וְדַע, **שֶׁיֵּשׁ שְׁנֵי מִינֵי אֶפִּיקוֹרְסִית**. יֵשׁ אֶפִּיקוֹרְסִית, שֶׁבָּא מֵחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת, וְעָלָיו נֶאֱמַר (אָבוֹת פֶּרֶק ב): **'וְדַע מַה שֶּׁתָּשִׁיב לְאֶפִּיקוֹרוֹס'**. כִּי הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת יֵשׁ עָלֶיהָ תְּשׁוּבָה ... אֲבָל יֵשׁ עוֹד מִין אֶפִּיקוֹרְסִית, וְהֵם הַחָכְמוֹת שֶׁאֵינָם חָכְמוֹת. אֶלָּא מֵחֲמַת שֶׁהֵם עֲמֻקִּים וְאֵינָם מַשִּׂיגִים אוֹתָם, וּמֵחֲמַת זֶה נִרְאִים כְּחָכְמוֹת ... וְעַל כֵּן אֵלּוּ הַקֻּשְׁיוֹת הַבָּאִים מִשָּׁם, מִבְּחִינַת חָלָל הַפָּנוּי, אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לִמְצֹא לָהֶם תְּשׁוּבָה, הַיְנוּ לִמְצֹא שָׁם אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי אִלּוּ הָיָה מוֹצֵא שָׁם גַּם כֵּן אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אִם כֵּן לֹא הָיָה פָּנוּי, וְהָיָה הַכֹּל אֵין סוֹף כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן עַל הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת, נֶאֱמַר (מִשְׁלֵי ב): **"כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן"**. כִּי אֵין שׁוּם תְּשׁוּבָה עַל הָאֶפִּיקוֹרְסִית הַזֹּאת, מֵאַחַר שֶׁבָּא מֵחָלָל הַפָּנוּי, שֶׁמִּשָּׁם צִמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ כִּבְיָכוֹל.

[יט] עיין שם אות ד'.

**דארפן ממש אוועקלייגן געוואלדיגע - -** (ואמרו להם:) **'גיי דיר צו א צווייטן' - עס איז געווען פאר אים צופיל ארבעט.**

**עס איז דאך נישט קיין קליינקייט; עס קומט א מענטש וואס מען דארף אריינגיין אין זיין צינור און איבערדרייען דעם צינור און אים א טובה טוהן[כ] - האבן זיי געפילט אז זיי קענען דאס נישט, עס איז א געוואלדיגע עבודה. נישט יעדער איינער האט זיך צוגעכאפט דערצו...**

**ביים רבי'ן איז דאס נישט געווען, עס איז נישט געווען, [סיידן אז ער קומט צו גיין מיט עזות, מיט חוצפה[כא]], אבער אויב ער איז נאר געקומען מיט א ביטול, איז נישט שייך מען זאל זאגן - 'דער נישט!' - נישטא!**

**רבי נתן ברענגט[כב], 'רוב היום' איז דער רבי געווען סגור ומסוגר, נאר עס איז געווען צייטן וואס דער רבי האט גערעדט מיט מענטשן.**

**ביי רבי נתן'ען איז דאס געווען מערער, רבי נתן האט געקענט רעדן א גאנצע נאכט, א גאנצער טאג[כג]. ביים רבי'ן איז דאס געווען נאר עטליכע שעה.**

**רבי יודל איז געווען ביים רבי'ן אין בית המדרש אין ברסלב, רבי יודל איז דאך געווען א הימל מענטש, ער איז ארומגעגאנגען אין בית המדרש פאר'מח'עט, פאר'מח'עט, אזוי ווי א צדיק וואס גייט ארום פאר'מח'עט. איז דער רבי געגעבן א**

---

[כ] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ח' (ע"פ קיצור ליקו'מ): **הַצַּדִּיק הַגָּמוּר הַנַּ"ל יָכוֹל לְהוֹרִיד אֶת עַצְמוֹ לְתוֹךְ הַצִּנּוֹר שֶׁדֶּרֶךְ שָׁם מְקַבְּלִין הָרְשָׁעִים הָרוּחַ חַיִּים שֶׁלָּהֶם, וּלְשַׁבְּרוֹ וּלְהַכְנִיעוֹ וּלְהַשְׁפִּיל הָרְשָׁעִים עֲדֵי אָרֶץ.**

[כא] עיין ספר המידות ערך 'צדיק' אות פ"ז: צַדִּיק שֶׁקֵּרֵב אֶת הָאָדָם, וְהָאָדָם הַזֶּה לֹא רָצָה לְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ, מֻתָּר לוֹ לִדְחוֹת בְּיָדַיִם.

[כב] חיי מוהר"ן אות רמ"ג.

[כג] עיין בהקדמת עלים לתרופה מש"ש הרה"ג מטשעהרין: וְיוֹתֵר עַל זֶה מַה שֶּׁזָּכָה לְלַמֵּד מִתּוֹרַת רַבּוֹ לַאֲחֵרִים, **וְהָיָה עוֹסֵק הַרְבֵּה לְדַבֵּר עִם בְּנֵי אָדָם הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם** וּלְקָרֵב אוֹתָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ **וְהָיָה מְבַלֶּה עַל זֶה זְמַן הַרְבֵּה**, כַּיָּדוּעַ כַּמָּה יְגִיעוֹת צְרִיכִין לָזֶה וְכַמָּה זְמַן צְרִיכִין לְבַלּוֹת עַל זֶה קֹדֶם שֶׁזּוֹכִין לַעֲזֹר לְבַעַל בְּחִירָה אֶחָד וּלְקָרֵב אוֹתוֹ לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁהָיָה לוֹ עֵסֶק גָּדוֹל עִם אֲנָשִׁים רַבִּים מִיִּשְׂרָאֵל שֶׁעָסַק עִמָּהֶם בְּעִנְיָן זֶה לְקָרֵב אוֹתָם לַעֲבוֹדַת ה' עַל יְדֵי הַחִדּוּשֵׁי תּוֹרָה וְהַמַּעֲשִׂיּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁקִּבֵּל מֵרַבּוֹ זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה.

קום אריין, אז דער רבי האט געעפנט דער טיר איז ער דעמאלט צוגעגאנגען צום רבי'ן[כד].

❖

(אחד הנוכחים: איך האב געזעהן אין א ספר אז די ערשטע שולעס פון השכלה איז געווען אין אדעסע)

אין אָדעס איז אויך געווען א געוואלדיגער מקור הטומאה. רבי נפתלי'ס זון איז דאך אוועקגעפארן קיין אדעס. רבי נפתלי האט געהאט צוויי זין, ר' אפרים, און ער האט געהאט א זון א משכיל[כה].

די גמרא זאגט[כו]: "אָבְדָה עֵצָה מִבָּנִים נִסְרְחָה חָכְמָתָם"[כז] - כֵּיוָן דְּאָבְדָה עֵצָה שֶׁל בָּנִים - נִסְרְחָה חָכְמָתָם שֶׁל עוֹבְדֵי כּוֹכָבִים". ר' יהושע בן חנניא איז דאך געווען דער וואס האט זיך מתווכח געווען מיט די אלע (אפיקורסים). איז ווען ר' יהושע בן חנניה האט געדארפט נסתלק ווערן, האבן די תלמידים געזאגט: "רבי וואס וועלן מיט איצטער טוהן?" (השיב:) "אבדה עצה מבנים נסרחה חכמתם!".

מיט דעם רבי'נס זיין אין אומאן האט ער מכניע געווען דעם שורש פון דעם 'מצח הנחש'! ער האט זיי מכניע געווען, זיי האבן געהאט הכנעה, מיט דעם האט ער מכניע געווען דעם שורש!

❖ ❖ ❖

---

[כד] עיין טעם זקנים קונטרס ע"ד: ר' יודל איז געווען אמאל ביים רבי'ן, ר' יודל איז געווען זייער א בעל מח, ארומגעגאנגען פאר'מוח'ט שטארק, מיט א דביקות צום אויבערשטן. איר זענט דאך קיינמאל נישט געווען אין ברסלב - אין ברסלב איז געווען דעם רבי'נס בית המדרש און אין דער זייט איז געווען דעם רבי'נס חדר. שוין, איז ר' יודל ארומגעגאנגען פאר'מוח'ט מיט א לולקע, און דער רבי האט געגעבן א עפן אויף דער טיר, האט ער (ר' יודל) גענומען דער לולקע, אריינגעלייגט דא, און צוגעגאנגען צום רבי'ן, ער האט זיך דערשראקן. דעמאלטס האט אים דער רבי געזאגט: **"דו ביסט דאך געווען ביי רבי פנחס'ל** (קאריצער), **דערצייל מיר עפעס א מעשה פון רבי פנחס!"**, האט ער דעם רבי'ן דערציילט א מעשה. [האט אים דער רבי געזאגט: **"וואויל - דיינע אויגן וואס האבן געזען רבי פינחס'ל!"**].

[כה] עיין טעם זקנים קונטרס קכ"א; שיש"ק (חדש) ח"ב, אות תשצ"ז.

[כו] חגיגה ה:

[כז] ירמי' מט, ז.

## "הָיָה נִדְמֶה לָנוּ שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לָנוּ עוֹד בְּחִירָה"

רבי נתן רעדט אין הלכות תולעים פון דעם זעקסטן טאג[כח]. זאגט ער דארטן[כט], ווען זי (- הבת מלך) האט זיך געדרייט דארט ביי דעם וואסעריגן שלאס און זיי האבן אריינגעשאסן אין איר אלע ערליי פיילן מיט אלע מיני סמים. "און איך הייל זיי!". דאס (- הבת מלך) גייט דאך ארויף אויף גאנץ כלל ישראל, אויף כנסת ישראל.

איז כאטש ער (- הבעטלער בלי הידים) היילט זי - ער האט דאך איר אויסגעהיילט (בעת קריעת ים סוף), אבער די סמים זענען געבליבן. דערפאר טאקע האט זיך אין מדבר געטוהן אלע מאל קשיות, "וילונו" "וילונו", דאס איז אלץ געווען פון די סמים וואס ער (פרעה) האט אריינגעהאקט, כאטש זיי זענען אלע דערטרונקען געווארן.

פרעה מיט אלע מצריים זענען דעטרונקען געווארן, די אידן זענען דאך ארויס, אבער די חיצים ובליסטראות וואס פרעה האט געווארפן - דאס איז אלץ געווען קשיות מיט חקירות מיט אפיקורסות, וואס דערפאר איז אלעמאל געווען, "וילונו" "וילונו".

דער אמת'ער צדיק טוהט - ער טוהט און טוהט, אבער עס בלייבט נאכדעם נאך אלץ איבער בחירה.

---

[כח] ממעשה י"ג מספה"ק סיפורי מעשיות - מעשה של הז' בעטלירס - יום השישי.

[כט] עיין שם אות ד', וזל"ש: וְהוּא זָרַק אַחֲרֶיהָ כָּל הָעֶשֶׂר חִצִּים זֶה בְּחִינַת וַיִּסַּע מַלְאַךְ הָאֱלֹקִים וְכוּ' וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, שֶׁקִּבְּלוּ כָּל הַחִצִּים וְאַבְנֵי בְּלִסְטְרָאוֹת שֶׁל הַמִּצְרִים **וְאַף עַל פִּי שֶׁמַּלְאַךְ הָאֱלֹקִים, שֶׁהִיא הַשְּׁכִינָה, קִבְּלָה הַחִצִּים וְעַל יְדֵי זֶה נִצְּלוּ יִשְׂרָאֵל וְעָבְרוּ הַיָּם בְּשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן הָאֶרֶס שֶׁל הַחִצִּים שֶׁל הַמִּצְרִים הִגִּיעוּ לְיִשְׂרָאֵל וְהִזִּיק לָהֶם, כִּי הַמִּלְחָמָה הָיְתָה גְּדוֹלָה לְמַעְלָה וּלְמַטָּה בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת**, כַּמּוּבָא. וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר (שְׁמוֹת יד, י), "וְהִנֵּה מִצְרַיִם נוֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם", שֶׁרָאוּ שַׂר שֶׁל מִצְרַיִם נוֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם לַעֲזֹר. וּכְשֶׁרָאָה הַשָּׂר, שֶׁהוּא הַס"ם, שֶׁיִּשְׂרָאֵל בּוֹרְחִים לְתוֹךְ הַיָּם וְהַיָּם נִבְקַע מִפְּנֵיהֶם וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה, אָז זָרַק לָהֶם הַחִצִּים שֶׁהִתְגַּבֵּר עֲלֵיהֶם וְזָרַק בָּהֶם אֶרֶס חִצָּיו, שֶׁהֵם דֵּעוֹת זָרוֹת שֶׁל כְּפִירוֹת וַעֲבוֹדָה זָרָה, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת וַיַּמְרוּ עַל יָם בְּיַם סוּף, שֶׁאָמְרוּ כְּשֵׁם שֶׁאָנוּ עוֹלִין מִצַּד זֶה וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "וְעָבַר בַּיָּם צָרָה", שֶׁגַּם אָז נִמְצְאוּ בְּיִשְׂרָאֵל אֵיזֶה כְּפִירוֹת, שֶׁנִּזְרַק בָּהֶם אֵיזֶה דֵּעוֹת רָעוֹת שֶׁנִּמְשַׁךְ מִבְּחִינַת הַחִצִּים שֶׁזָּרַק אַחֲרֵיהֶם. **וּמִזֶּה בָּא כָּל הַנִּסְיוֹנוֹת שֶׁנִּסּוּ אֲבוֹתֵינוּ אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא; בָּעֵגֶל וּמְרַגְּלִים וְכוּ'. וְהֵם עֲשָׂרָה נִסְיוֹנוֹת שֶׁנִּמְשְׁכוּ מֵהָעֲשָׂרָה חִצִּים שֶׁזָּרַק אַחֲרֵיהֶם לְתוֹךְ הָעֶשֶׂר חוֹמוֹת שֶׁל מַיִם הַנַּ"ל וַעֲדַיִן לֹא נִתְרַפֵּאנוּ מֵהֶם.**

**רבי נתן זאגט[ל], 'כל זמן מען איז געווען ביים רבי'ן איז ממש געווען ביטול הבחירה!' אבער אז מען גייט נאר ארויס, איז ווייטער דא בחירה.**

**ביי קריעת ים סוף איז דאך געווען ביטול הטבע. "וַיַּסַּע מֹשֶׁה אֶת יִשְׂרָאֵל מִיַּם סוּף וַיֵּצְאוּ אֶל מִדְבַּר שׁוּר"[לא]. זאגט דער זוהר הקדוש[לב]: "שׁוּר" איז מלשון 'קוקן'. די אידן האבן געזעהן אזא מין סארט התגלות אלוקות ביים ים, אז זיי האבן נישט געוואלט אוועקגיין בשום אופן. "ויסע משה", זאגט רש"י: "בעל כרחם". דארטן זאגט רש"י, מחמת דאס גאָלד. אבער דער זוהר זאגט, נישט וועגן דאס גאלד, נאר עס איז געווען אזא מין ליכטיגקייט ביים ים, אזא מין התגלות אלקות, אז זיי האבן נישט געוואלט אוועקגיין.**

**האט משה געזאגט צום אויבערשטן: 'רבונו של עולם, זיי ווילן נישט אוועקגיין!' האט דער אויבערשטער אוועקגענומען דאס ליכטיגקייט און דאס געבראכט דארטן אין מדבר שוּר, ערשט דעמאלט זענען זיי שוין געגאנגען. דארטן איז אויך געווארן דאס ליכטיגקייט וואס עס איז געווען ביים ים, אבער אויף כסדר קען דאס נישט זיין[לג].**

---

[ל] עיין שיחות הר"ן אות קכ"ד: וְעַל פִּי רֹב הָיָה נִדְמֶה לָנוּ בְּאוֹתוֹ שָׁעָה שֶׁעָמַדְנוּ לִפְנֵי הַדְרַת קָדְשָׁתוֹ הַנּוֹרָא, **שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִהְיֶה לָנוּ עוֹד שׁוּם בְּחִירָה**. כִּי בְּוַדַּאי בְּהֶכְרֵחַ לִהְיוֹת כִּרְצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאִי אֶפְשָׁר לִפְרֹד עוֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. מִכָּל־שֶׁכֵּן לְשַׁנּוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ לַעֲבֹר חַס וְשָׁלוֹם, אֲפִלּוּ אֵיזֶה דָּבָר קַל בְּעָלְמָא. כִּי הַלֵּב הָיָה נִמְשָׁךְ מְאֹד מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל־יְדֵי דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים אֲשֶׁר אִי אֶפְשָׁר לְשַׁעֵר וְלַעֲרֹךְ.

[לא] שמות טו, כב.

[לב] בשלח דף ס.

[לג] עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות ס"ט: וְזֶה רֶמֶז עַל כָּל מַה שֶּׁכָּתַבְנוּ בְּעִנְיָן זֶה, שֶׁבְּוַדַּאי מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב הָיָה מְרֻצֶּה שֶׁיַּנִּיחוּהוּ לֵישֵׁב תָּמִיד בְּבֵית הַמִּדְרָשׁ בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ וְלַעֲסֹק בַּתּוֹרָה וּתְפִלָּה, אֲבָל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּקִיּוּם הָעוֹלָם וּמְסַבֵּב עִם הָאָדָם שֶׁמֻּכְרָח כַּמָּה פְּעָמִים לָצֵאת מֵהַבֵּית הַמִּדְרָשׁ לַעֲסֹק בְּצָרְכֵי הַגּוּף וּפַרְנָסָה וְכוּ' שֶׁכָּל זֶה בְּחִינַת וְנָפִיק, וְזֶה קָשֶׁה עַל הָאָדָם מְאֹד, כִּי יוֹדֵעַ שֶׁכְּשֶׁיּוֹצֵא לַחוּץ הוּא בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה, **אֲבָל לֹא סַגֵּי בְּלָאו הָכֵי**. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁבְּנֵי הַתֵּבָה לֹא רָצוּ לָצֵאת מֵהַתֵּבָה כִּי אִם בִּגְזֵרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁאָמַר לָהֶם לָצֵאת, **כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה שֶׁהָאָדָם יַעֲבֹד אוֹתוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם דַּיְקָא**, שֶׁהוּא בִּכְלָלוֹ בְּחִינַת וְנָפִיק כְּנֶגֶד הָעוֹלָמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָעוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים, וְעַל כֵּן גַּם בָּזֶה הָעוֹלָם **הַהֶכְרֵחַ** שֶׁתִּהְיֶה עֲבוֹדָתוֹ בִּבְחִינַת עַיֵּל וְנָפִיק דַּיְקָא וְכַנַּ"ל.

אזוי ווי דער בעטלער האט געזאגט דארט צו די קינדערלעך[לד]: "מיט מיר קענט איר נישט גיין!". ער האט איבערגעלאזט ברויט, אבער מיטגיין מיט מיר - דאס נישט! איך לאז אייך איבער אויף אייגענע קעסט - איך לאז אייך איבער - און האלט זיך! אז איך לאז אייך איבער עפעס, האט איר שוין כח מיט וואס זיך צו האלטן, אבער גיין מיט מיר - דאס קענט איר נישט.

דער צדיק גיט עפעס - ער לאזט עפעס איבער מען זאל זיך קענען האלטן, אבער גיין מיט מיר - קענט איר נישט. דאס הייסט, ווייטער בחירה[לה].

❖

## "אַל תְּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל"

רבי נתן האט געזאגט צום רבי'ן: "רבי, איר קענט דאך א מענטשן מפקיר זיין!"[לו]. ווען דער צדיק זאל אים נאר (זאגן, וואלט געווען עפעס אנדערש).

דאס אייגענע איז ביי יעדן נסיון; בשעת דער אויבערשטער פרואווט יענעם מיט א נסיון, נעמט מען ביי אים צו די אלע אורות, אלע כוחות. אז נישט איז דאך קיין נסיון נישט. נאר פונדעסטוועגן בלייבט אים איבער דער שורש האמונה אז מען זאל זיך קענען ראטעווען. אבער אזוי פון אויבן אויף איז מען אין א געוואלדיגע סכנה[לז].

---

[לד] סיפורי מעשיות שם - ביום הראשון.

[לה] עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ו, אות י"ב: הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל הוּא רַחְמָן גָּדוֹל מְאֹד וּמְסַבֵּב בְּכַמָּה סִבּוּבִים לְקָרֵב הַכֹּל אֶל הַתַּכְלִית הַטּוֹב, **אַךְ שֶׁאָסוּר לִיקַּח מֵהֶם הַבְּחִירָה**, כִּי כָּל הָעוֹלָמוֹת עוֹמְדִים עַל בְּחִירַת הָאָדָם כַּיָּדוּעַ, **עַל כֵּן הוּא מְסַבֵּב עִם כָּל אֶחָד בְּחָכְמָתוֹ הַנִּפְלָאָה בְּאֹפֶן שֶׁיְּגַלֶּה לוֹ וִיעוֹרְרוֹ אֶל הָאֱמֶת, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן יִהְיֶה נִשְׁאַר לוֹ אֵיזֶה נִסָּיוֹן וּבְחִירָה.**

[לו] עיין שיש"ק (חדש) ח"א, אות ק"פ: "הנהגת רביה"ק בנתינת עצות היתה דבר פלא, כי מעולם לא נתן עצה במפורש לשואל לומר לו שיעשה כך וכך בדוקא; והגיעו הדברים לידי כך שאזר פעם מוהרנ"ת עוז ופנה לרבינו בתמיהה: **"רבי, איר קענט מפקיר זיין א מענטשן!"**, וענה רבינו ואמר לו: **"טאקע אזוי, טאקע אזוי!"**.

[לז] עיין ליקוטי הלכות הל' נפילת אפים ה"ו, אות ח': **וּכְמוֹ שֶׁשָּׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁבִּשְׁעַת הַנִּסָּיוֹן שֶׁל כָּל הָאָדָם, אֵין הָאָדָם בְּדַעְתּוֹ בִּשְׁלֵמוּת בְּעִנְיַן הַנִּסָּיוֹן, כִּי אִם הָיָה דַּעְתּוֹ שָׁלֵם בָּזֶה, לֹא הָיָה לוֹ נִסָּיוֹן כְּלָל.**

**דער זכות פון יוסף הצדיק איז דאך געבליבן ביי קריעת ים סוף[לח], "הים ראה וינס", די אלע כוחות פון יוסף הצדיק איז דאך געבליבן. פארוואס? ווייל עס איז יא געווען א נסיון, א בחירה איז געווען[לט].**

**מיר דארפן אויך וויסן; אז עס קומט אים דארטן א מין (נסיון) אז ער זאל נישט קוקן צו נישט טראכטן, דאכט זיך אים אז ער האט נישט קיין כוחות אויף איבערצושפארן - אזוי דאכט זיך דעם מענטש - דאס איז אבער א געוואלדיגער פגם האמונה. ווייל דער אויבערשטער וועט נישט אנשיקן דעם מענטש א זאך וואס ער זאל בשום אופן נישט קענעןביישטיין. אז עס קומט אים אָן א זאך וואס ער זאל בשום אופן נישט קענען ביישטיין, קומט דאך אוים "שבא בטרוניא עם בריותיו", דאס קען דאך נישט זיין אין דער וועלט![מ] נאר פאר דעם מענטשן דאכט זיך אז דאס איז שטארקער פון זיינע כוחות - ניין! דו האסט כוחות אין זיך![מא]**

---

[לח] עיין מדרש תהלים מזמור קיד.

[לט] עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ו, י"ז: **כְּשֶׁמְּנַסִּין אֶת הָאָדָם לוֹקְחִין מִמֶּנּוּ אֶת שְׁלֵמוּת הַדַּעַת, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר הַנִּסָּיוֹן, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִמֶּנּוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.** וְיוֹסֵף עָבַר עָלָיו כָּל זֶה וְהָיָה בְּנִסָּיוֹן גָּדוֹל וְעָמַד בַּנִּסָּיוֹן וְעַל יְדֵי זֶה זָכָה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לְבָרֵר וְלִמְצֹא הַטּוֹב בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הָיָה כֹּחַ לְיִשְׂרָאֵל לִהְיוֹת בְּמִצְרַיִם בַּגָּלוּת, כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחוֹ אֱלֹקִים , **כִּי לוּלֵא כֹּחַ יוֹסֵף הַצַּדִּיק שֶׁהִקְדִּים לִפְנֵיהֶם שָׁם לֹא הָיָה כֹּחַ לְיִשְׂרָאֵל לַעֲמֹד בַּגָּלוּת.**

[מ] עיין ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ה"ו, אות י"א: וּבָזֶה טוֹעִים רֹב בְּנֵי אָדָם שֶׁכָּל אֶחָד אוֹמֵר אִם הָיָה לוֹ פַּרְנָסָה הָיָה עוֹבֵד ה'. **וְאִם כֵּן לְפִי דְּבָרָיו הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא, חַס וְשָׁלוֹם, בִּטְרוּנְיָא וַעֲלִילָה עִמּוֹ** שֶׁהוּא רוֹצֶה שֶׁיַּעֲבֹד וְיַעֲסֹק בַּתּוֹרָה אַף עַל פִּי שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל מֵחֲמַת דֹּחַק הַפַּרְנָסָה וְאִם כֵּן הֲרֵי הוּא מְהַרְהֵר אַחַר מִשְׁפָּטָיו שֶׁל ה' יִתְבָּרַךְ כִּבְיָכוֹל, חַס וְשָׁלוֹם, הוּא יִתְבָּרַךְ מְעַוֵּת הַמִּשְׁפָּט נֶגְדּוֹ. **וְזֶה הַפְּגָם גָּדוֹל בְּיוֹתֵר**, כִּי כְּשֶׁמְּהַרְהֵר אַחַר מִשְׁפָּטָיו שֶׁל ה' יִתְבָּרַךְ זֶהוּ עִקַּר בְּחִינַת פְּגַם הַמִּשְׁפָּט **שֶׁמִּשָּׁם בָּאִים כָּל הַקִּלְקוּלִים** הַנַּ"ל. עַל כֵּן צָרִיךְ כָּל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת לָחוּס עַל עַצְמוֹ שֶׁיִּזָּהֵר מְאֹד מִלּוֹמַר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה רַק יֵדַע וְיַאֲמִין שֶׁבְּחִירָתוֹ תְּלוּיָה דַּיְקָא בְּאֹפֶן זֶה, שֶׁה' יִתְבָּרַךְ מִתְנַהֵג עִמּוֹ. וְיַאֲמִין שֶׁהַכֹּל לְטוֹבָתוֹ וְיִהְיֶה רָגִיל לוֹמַר כָּל מַה דְּעָבֵד רַחֲמָנָא לְטָב עָבֵד. וכן מובא כלשון זה בהל' נזיקין ה"ה, אותיות י', ט"ו, עיין שם.

[מא] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות ד': וּמִזֶּה יָכוֹל כָּל אָדָם לִקַּח מוּסָר לְעַצְמוֹ, כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁהַיֵּצֶר הָרַע וְהַתַּאֲווֹת וְכוּ' מִתְגַּבְּרִים עָלָיו מְאֹד מְאֹד וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁקָּשֶׁה לְשַׁבְּרָם, **צָרִיךְ לֵידַע שֶׁבְּוַדַּאי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִמּוֹ**, וּבְוַדַּאי אִם לֹא הָיָה לוֹ כֹּחַ לְשַׁבֵּר לֹא הָיָה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְגָרֶה בּוֹ יֵצֶר הָרַע כָּזֶה, **רַק אַדְּרַבָּא, יֵדַע בְּנַפְשׁוֹ כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁיֵּשׁ לוֹ יֵצֶר הָרַע גָּדוֹל כָּזֶה, שֶׁבְּוַדַּאי נַפְשׁוֹ הִיא**

דער רבי ברענגט טאקע אין דעם "שיר"[מב]: "דו זאלסט נישט זיין קיין 'פיל' וואס ווייסט נישט פון זיין כח!" דו האסט כוחות צו איבערשפארן! נאר וואס דען, יענער גייט מיט כוחות - דער צד השני, און אז דו שווייגסט - דאס טויג נישט. דו זאלסט גיין מיט דיינע כוחות - טאקע נאר מיט דיינע כוחות, נישט מיט כוחות פון העכערע מענטשן, גיי מיט דיינע כוחות!

בהתקשרות צום צדיק האסטו כוחות, האסטו כוחות! דער עיקר איז, האבן התקשרות צו דעם צדיק![מג]

נאך א זאך, דער רבי רעדט דארטן[מד] פון דער נקודה פון חברים. אויב מען האט אהבה צו חברים, אפילו איך האב נישט דעם חבר איצטער ביי זיך, נאר וויבאלד איך האב אהבה צו אים, איז עס אויך אַן ענין פון חברים, איז דאס אויך א כח.

---

**נֶפֶשׁ יקרה וּקְדוֹשָׁה מְאֹד מְאֹד בְּשָׁרְשׁוֹ, וְעַל כֵּן מִתְגַּבְּרִים עָלָיו כָּל כָּךְ**, כִּי כָּל מַה שֶּׁהַנֶּפֶשׁ יְקָרָה וְגָבֹהַּ בְּיוֹתֵר מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַיֵּצֶר הָרַע בְּיוֹתֵר. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סֻכָּה נ"ב), כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ.

[מב] שיר נעים מרביז"ל הנדפס בתחילת הליקוטי מוהר"ן, וזל"ש בא"ד: חֲזַק וְנִתְחַזֵּק. **וְאַל תִּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל**. וְכַגָּמָל אֲפִלּוּ כְּשֶׁמָּשְׁכֵהוּ בְּחָטְמוֹ הָעַכְבָּר לֹא יִבְעַט בּוֹ. וְכָל זֶה מֵחֲמַת שְׁטוּת שֶׁאֵין יוֹדֵעַ מִכֹּחוֹ. ועיין על זה ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות א': בֶּאֱמֶת בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יֵשׁ נְשָׁמָה יְקָרָה שֶׁיֵּשׁ לָהּ כֹּחַ גָּדוֹל לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע וְחֵילוֹתָיו כִּי אִם לֹא הָיָה כֹּחַ בָּאָדָם לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע לֹא הָיָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נוֹתֵן לוֹ יֵצֶר הָרָע כָּזֶה, **כִּי אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בָּא בִּטְרוּנְיָא עִם בְּרִיּוֹתָיו** וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאֵין מִי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ מְנִיעוֹת שֶׁלֹּא יוּכַל לַעֲמֹד בָּהֶם וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ וְאַתָּה תִּמְשָׁל בּוֹ. אִם תִּרְצֶה תִּתְגַּבֵּר עָלָיו, עַיֵּן שָׁם בְּפֵרוּשׁ רַשִׁ"י. עַל כֵּן צְרִיכִין לָדַעַת וּלְהַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל **אֲפִלּוּ הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים** הוּא בַּעַל כֹּחַ גָּדוֹל לַעֲמֹד כְּנֶגֶד הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלּוֹ. וְעִקַּר כָּל הַחֲטָאִים וְהַתַּאֲווֹת שֶׁהָאָדָם נִלְכָּד בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, הִיא רַק מֵחֲמַת שְׁטוּת שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ מִכֹּחוֹ וְכוּ', **כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּנְעִימַת הַחֲרוּזִים שֶׁלּוֹ הַנִּדְפָּסִים בִּתְחִלַּת סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן וְזֶה לְשׁוֹנוֹ, חֲזַק וְנִתְחַזֵּק וְאַל תִּהְיֶה כַּפִּיל הַגָּדוֹל וְכַגָּמָל וְכוּ'. וְכָל זֶה מֵחֲמַת שְׁטוּת שֶׁאֵין יוֹדֵעַ מִכֹּחוֹ** וְכוּ'.

[מג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ח': **נִמְצָא שֶׁעַל יְדֵי שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת אֵלּוּ, הַיְנוּ הִתְקַשְּׁרוּת הַצַּדִּיקִים, וְהֵם יָאִירוּ בּוֹ, כִּי הֵם הַנְּקֻדָּה כְּלָלִיּוּת יִשְׂרָאֵל, וִיעוֹרְרוּ אֶת לִבּוֹ. וְגַם עַל יְדֵי שֶׁיְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ, יָכוֹל גַּם כֵּן כָּל אֶחָד וְאֶחָד לְהָאִיר וּלְעוֹרֵר לֵב חֲבֵרוֹ. וְגַם עַל יְדֵי עַצְמוֹ, שֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, יָכוֹל גַּם כֵּן לְעוֹרֵר אֶת לְבָבוֹ, עַל יְדֵי "פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת". וְיָסִיר מִמֶּנּוּ עָרְלַת לֵב.**

[מד] עיין הערה הקודמת.

(ר' נחמן: די גמרא זאגט[מה] אויף די חברים פון איוב, אפילו זיי זענען געווען ווייט איינער פון דעם צווייטן, פונדעסטוועגן האבן זיי געהאט דעם פאטרעט איינער פון דעם אנדערן!) **יא יא, אוודאי.**

ברוך השם מיר האבן כוחות! נאר וואס דען, מען ניצט זיי נישט אויס...

❖ ❖ ❖

## המחלוקת על מוהרנ"ת

(ר' נחמן: עס איז געדרוקט אז איינס פון די טעמים פארוואס דער רבי איז ארויס קיין אומאן, איז געווען כדי אויפצוהויבן די מוחות פון רבי נתן'ען און רבי נפתלי'ן) **יא יא**[מו].

(ר' נחמן: אלעמאל ווען איך קום צו דעם איז זייער שווער צו פארשטיין, דער רבי האט זיי געדארפט ווייזן ביז די אפיקורסים צו האבן פון דעם התחזקות?) **זיי זענען געווען ביי זיך אזוי פיל** (צובראכן).

**רבי נתן האט דאך אמאל א זאג געגעבן[מז]: "אויב די צדיקים - וואס איך ווייס אז זיי זענען צדיקים, וואלטן געהאט דעם לב נשבר וואס איך האב" - -**

**רבי נתן האט געהאט א געוואלדיגן לב נשבר דורכן רבי'ן! האט מען אים געדארפט אביסל אויפהויבן דעם מח!**

❖

**נישט אומזיסט איז איצטער דא אזא מין מחלוקת אויף רבי נתן'ען רח"ל - א געוואלד, ווייל רבי נתן איז איצטער מקרב אידן צום אויבערשטן, ער איז איצטער**

---

[מה] בבא בתרא טז: עיין רש"י שם, ד"ה "כלילי הוו להו".

[מו] עיין כוכבי אור - סיפורים נפלאים: **וְיֵשׁ אוֹמְרִים שֶׁזֶּה אֶחָד מֵהַטְּעָמִים** (נֹסַח אַחֵר שֶׁנָּסַע) **שֶׁבָּחַר רַבֵּנוּ זַ"ל בְּאוּמֶין כְּדֵי שֶׁיִּשָּׂא אֶת רֹאשׁ הָר' נָתָן וְהָר' נַפְתָּלִי שֶׁהָיָה לִבָּם נִשְׁבָּר מְאֹד, וּפֹה כְּשֶׁיִּרְאוּ שֶׁיֵּשׁ אֶפִּיקוֹרְסִים כְּאִלּוּ יְחַיּוּ אֶת עַצְמָם עַל שֶׁהֵם מַאֲמִינִים בַּה' וְכוּ'.**

[מז] עיין אבניה ברזל - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת, אות ה': פַּעַם אַחַת אָמַר מוֹהֲרַנַ"ת זְצוּקַ"ל: **דִּי צַדִּיקִים וָואס אִיךְ וֵוייס אַז זֵיי זֶענֶען גְּיֶוועןְ צַדִּיקִים, אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען נָאךְ גְּיֶוועןְ צוּבְּרָאכִין אַזוֹי וִוי אִיךְ, וֵוייס אִיךְ נִיט וִוי עֶס וֶועט זִיךְ גְּיפִינִיעֶן גַּן עֵדֶן פַאר זֵיעֶרְט וֶועגִין** (אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ שֶׁהֵם הָיוּ צַדִּיקִים, אִם הֵם הָיוּ גַּם שְׁבוּרֵי לֵב כָּמוֹנִי, אֵינִי יוֹדֵעַ אֵיפֹה נִמְצָא גַּן עֵדֶן בַּעֲבוּרָם). **ועיין שיש"ק** (חדש) **ח"ב אות ע"ר,** בגירסא שונה קצת, שסיים: **"וואלטן די ש"י עולמות געווען קארג פאר זיי!".**

מקרב מיט זיינע תפילות, אידן לאזן נאך טרערן ביי די תפילות, מיט די ליקוטי הלכות, מיט די מכתבים[מח]. דער איד וואס פארעט זיך נאך איצטער מיט אידישע נשמות, האט אויך איצטער אויף זיך מחלוקת![מט]

אלע דעם רבי'נס מענטשן האבן זיך געפארעט מיט מענטשן; רבי יודל האט אויך געהאט יונגעלייט, און רבי נפתלי, רבי שמואל אייזיק האט אויך געהאט מענטשן. נאר וואס דען, זיי האבן אלע געהאט מענטשן מיט א גבול. למשל, רבי יודל האט געהאט אזעלכע מענטשן - זיי זענען געווען דארטן חסיד'ישע יונגעלייט - בעלי מדריגות - און רבי יודל האט זיי דארטן אריינגעגעבן זיין שיין, זיין לעכטיגקייט וואס ער האט געהאט אין זיך. אויך רבי שמואל אייזיק האט געהאט גאר הויכע סארט עובדים.

רבי נתן האט אבער געהאט אזעלכע מענטשן - עס האט זיך נישט אפגעשטעלט - ווער עס זאל נישט זיין! ממש אזוי ווי ביים רבי'ן - ווער עס זאל נישט זיין, ווער עס זאל נישט זיין!

❖

---

[מח] עיין כוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ט"ז: **וְלֹא לְחִנָּם הִרְעִישׁ עָלָיו הַשָּׂטָן אֶרֶץ וּמְלוֹאָהּ, כִּי גַּם הוּא הָיָה מֵשִׁיב כָּל יִשְׂרָאֵל בִּתְשׁוּבָה אִם לֹא הָיוּ נִתְרַחֲקִים מֵאִתּוֹ וּמִדִּבּוּרָיו הַנּוֹרָאִים.** עיין גם ליקוטי הלכות הל' ברכת הריח ה"ד, אות ל"ג: **וְזֶה עִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַיֵּצֶר הָרָע שֶׁמִּתְגַּבֵּר בְּכָל דּוֹר וָדוֹר. לְהַסְתִּיר וּלְהַעְלִים אֶת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁבְּאוֹתוֹ הַדּוֹר דַּיְקָא. כְּמוֹ שֶׁאָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ.** שֶׁעִקַּר הַמַּחֲלֹקֶת הוּא עַל הַצַּדִּיק שֶׁבְּאוֹתוֹ הַדּוֹר וְאַחַר כָּךְ בְּשֶׁכְּבָר הַיָּמִים הַבָּאִים מוֹדִים גַּם בְּזֶה הַצַּדִּיק. וְאוֹמְרִים שֶׁזֶּה בְּוַדַּאי הָיָה צַדִּיק. אֲבָל חוֹלְקִים עַל זֶה הַצַּדִּיק שֶׁבְּזֶה הַדּוֹר שֶׁאַחֲרָיו, כִּי בִּימֵי הָאֲרִ"י זַ"ל הָיְתָה מַחֲלֹקֶת גְּדוֹלָה עַל הָאֲרִ"י וְלֹא רָצוּ לְהוֹדוֹת שֶׁיִּמָּצֵא בְּאוֹתוֹ הַדּוֹר חִדּוּשׁ כָּזֶה שֶׁיִּהְיֶה לוֹ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ כָּזֶה, כַּמּוּבָא בְּכִתְבֵי הָאֲרִ"י זַ"ל. וְאַחַר כָּךְ בְּכַמָּה דּוֹרוֹת נִתְקַבֵּל הָאֲרִ"י זַ"ל. וְהַכֹּל מוֹדִים שֶׁהָיָה חִדּוּשׁ נִפְלָא אִישׁ אֱלוֹקַ וְכוּ'. אֲבָל חָלְקוּ עַל צַדִּיקִים אֲחֵרִים שֶׁבַּדּוֹרוֹת שֶׁאַחֲרָיו. עַד שֶׁסָּמוּךְ לְיָמֵינוּ הָיָה הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. שֶׁהָיָה אוֹר נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד, וְהָיָה עָלָיו מַחֲלֹקֶת גָּדוֹל. **וּבִימֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב רֹב הַמִּתְנַגְּדִים הוֹדוּ בְּהָאֲרִ"י זַ"ל. וְחָלְקוּ עַל הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. וְכֵן הוּא בְּכָל דּוֹר וָדוֹר.** וּכְבָר מוּבָא מִזֶּה בַּסְּפָרִים (וְעַיֵּן בְּסוֹף סֵפֶר נֹעַם אֱלִימֶלֶךְ מְדַבֵּר שָׁם מִזֶּה) ... **וְעַל כֵּן מַנִּיחַ הַבַּעַל דָּבָר עַצְמוֹ עַל זֶה לְאָרְכּוֹ וּלְרָחְבּוֹ** לְהַסְתִּיר וּלְהַעְלִים זֶה הַצַּדִּיק וּלְהַרְבּוֹת עָלָיו מַחֲלֹקֶת וְקֻשְׁיוֹת כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְקָרְבוּ אֵלָיו חַס וְשָׁלוֹם, מֵחֲמַת שֶׁעִקַּר הָאֱמוּנָה שֶׁהִיא עִקַּר קְדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל תְּלוּיָה **בְּזֶה הַצַּדִּיק דַּיְקָא** כַּנַּ"ל.

[מט] עיין ספר המידות - ערך 'מריבה' חלק שני, אות י"ח: **כְּשֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא רוֹאֶה אֵיזֶה צַדִּיק, שֶׁיֵּשׁ כֹּחַ בְּיָדוֹ לְקָרֵב בְּנֵי-אָדָם לַעֲבוֹדָתוֹ, אֲזַי מַעֲמִיד עָלָיו שׂוֹנְאִים, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְקָרֵב בְּנֵי-אָדָם, כִּי הַצַּדִּיק שֶׁאֵין לוֹ שׂוֹנְאִים, אֵין יָכוֹל לְקָרֵב, כְּמוֹ בְּעֵת בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ יֵשְׁבוּ בְּשַׁלְוָה, וְאָז אֵין מְקַבְּלִים גֵּרִים.**

# 'אה, דו ביסט דאך מיין קרוב!'

דער (ר' ישראל) קארדונער איז דאך געווען א שטיק צייט אין אומאן, ער האט דאך מקרב געווען מענטשן. האט ער געהאט אין זיך א נאטור - ער פלעגט זיך (קענען) מלביש זיין, ער האט זיך געקענט מאכן פאר א גביר, ער האט געקענט אנטוהן א שיינעם אנצוג, א שיינעם פוטערל. אמאל האט ער געזעהן איינעם - 'יא, דו ווייסט, דו ביסט דאך מיינער א קרוב!'... - ער איז דאך דער גביר... 'קום מיט מיר - אין אומאן האב איך א רייכקייט!' - האט ער אים געבראכט קיין אומאן, (ושם שלח אותו:) 'גיי צום רבי'ן!' - דער רבי זאל זיך שוין פארען מיט אים - מער נישט, שוין.

אסאך מענטשן זענען געבליבן, ער האט געהאט אזא מין כח, ער איז געווארן א סוחר, א גביר, ער איז געווארן א פעטער.

(ר' נחמן: דער רבי ברענגט אין דער מעשה[י], אז דער בעל תפילה האט זיך אלעמאל פארשטעלט)
יא, ער האט זיך אלעמאל פארשטעלט...

טאקע, ר' איציק באבריניצער[יא] איז דאך געווען ר' חיים קיבליטשער'ס אַן איידעם. ווי אזוי איז געווארן דער שידוך? מען האט שוין געהאט פריער גערעדט דערפון, אבער דער שידוך האט בשום אופן נישט געקענט ווערן.

האט מען מיר דערציילט, ר' ישראל קארדונער - ער האט געמאכט דעם שידוך. ער איז געקומען פון ארץ ישראל, ער איז געווארן א רייכער פעטער - ער וועט העלפן... אזוי איז געווארן דער שידוך צווישן די צוויי ארעמעלייט.

ער האט געהאט אין זיך אזעלכע איינפאלן...

רבי נתן האט נישט געהאט אין זיך די זאך - ער האט געהאט אין זיך א מויל, א הייליג מויל, א הייליג מויל, הייליגע ספרים!

---

[י] מעשה י"ב - מהבעל תפילה, מספה"ק סיפורי מעשיות.

[יא] בן ר' נתן בן ר' נחמן בן מוהרנ"ת.

(ר' נחמן: אין 'שבחי בעל שם טוב' איז אויך דא א מעשה וואס דער בעש"ט איז געווארן א פעטער)
**יא יא, איך געדענק די מעשה[נב].**

ביים רבי'ן אליין איז געוועזן די זאך נאך אביסל מלובש מיט – רבי נתן איז שוין געגאנגען מערער. נו, ביי דעם תלמיד גייט עס שוין אביסל מערער. ביים רבי'ן אליין איז געגאנגען נאך מיט א - - נישט מיט אזעלכע מיני לשונות, מער באתכסיא געוועזן.

❖

# הזכרת שמות הצדיקים על שם אמם

דעם רבי'נס פאטער איז געוועזן א הויכער סארט מענטש, ער איז געוועזן א געוואלדיגער מתבודד, זיין זאך איז נאר געוועזן התבודדות, ער איז קיינמאל נישט געוועזן אינדערהיים, נאר געוועזן א מתבודד.

(ר' נחמן: עס שטייט אז דער רבי האט געהייסן מען זאל דערמאנען דעם מוטער'ס נאמען!) **יא![נג]**
**רבי נתן רעדט דאך שוין אין א הלכה[נד] פארוואס בחייו דערמאנט מען דער מאמען און לאחר הסתלקות - דעם טאטן - דו געדענקסט דאך די הלכה!**

ווייבאלד דער רבי'נס זאך איז דאך אַן ענין וואס לעבט, איז עס נישט לאחר הסתלקותו, איז איצטער אויך די מאמע.

(ר' נחמן: ער רעדט נישט וועגן דעם רבי'ן אין דער הלכה?) **ניין, ער זאגט סתם אזוי. נאר פון דעם שמועס קומט אזוי אויס.**

דער בעל שם אויך - ר' ישראל בן שרה. (ר' נחמן: אזוי פלעגט מען דערמאנען?) **יא, רבי ישראל בן שרה!** (אחד הנוכחים: ר' ישראל בן אליעזר) **נאר רבי ישראל בן שרה!**

---

[נב] עיין שם הסיפור באריכות איך הבעש"ט הציל עי"ז אשה בחירה אחת מהמיר דתה ומלהנשא לגוי אחד וכו'.

[נג] עיין כוכבי אור - חכמה ובינה, אות ג': **אָמַרְתִּי לְהוֹדִיעַ לְהַמְעַיֵּן, שֶׁרַבֵּנוּ זַ"ל הִזְהִיר לְכָל אֲשֶׁר יְבַקֵּשׁ בִּזְכוּתוֹ, שֶׁיַּזְכִּירֶנּוּ עַל שֵׁם אִמּוֹ, רַבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, וְלֹא כִּשְׁאָר נִפְטָרִים אֲשֶׁר יִזָּכְרוּ עַל שֵׁם אֲבִיהֶם.**

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אותיות כ"ה-כ"ו.

ווען עס איז געבוירן געווארן דעם רבי'נס איינקל "ישראל" און דער רבי האט געהערט דעם נאמען "ישראל בן שרה" - (ר' נחמן: האט ער געהאט א נחת וואס מען האט אים דערמאנט אז דאס איז דער זעלבער נאמען פון דעם בעל שם'ס נאמען)[נה].

❖

## "וּכְאָב אֶת בְּנוֹ הִרְצָנִי"

איינמאל איז רבי נתן געווען ביים רבי'ן, און דער רבי האט אים אזוי אויפגעהויבן אביסל - אבער ער האט אים אביסעלע (געזאגט בדרך בזיון:) "רבי נפתלי הערץ'ס א זון!" (כלומר) - אַן איש מכובד. און רבי נתן האט געגעסן דעמאלט. האט דער רבי געזאגט: "אַן אנדערן אז מען זאגט אזעלכע ווערטער - הערט ער אויף צו עסן - און ער עסט ווייטער!". האט ער ווייטער געגעסן. (ענה רבינו ואמר:) "נו, היים איך דיר טאקע נישט עסן!" - א גאנצע מעשה געווען.

(ר' נחמן: עס שטייט אין ימי מוהרנ"ת[נו], דער רבי האט אים איינמאל מבזה געווען, דערנאך איז געווען "וכאב את בנו הרצני"![נז]) יא! מיר קענען נישט דאס נאכטוהן, מיר ווייסן נישט די אלע זאכענישן, ביי אונז דארף נאר זיין התקרבות און אהבה איינער צום אנדערן!

אט דאס איז די תורה פון וואס מיר רעדן - פון "נעימות"[נח], דאס איז א תורה פון 'ארץ ישראל'; דעם רבי'נס זאך איז געווען ארץ ישראל! דעם רבי'נס זאך איז געווען התחזקות! אט דאס הייסט מוחין פון ארץ ישראל, מען האט נישט קיין שום הקפדה אויף קיינעם, מען האט נישט קיין שום (ענין) צו יענעם חלילה עפעס פוגע זיין. אז איך האב עפעס אויף יענעם, איז דא א וועג פון נעימות. אט דאס הייסט ארץ

---

[נה] חיי מוהר"ן אות קנ"א.

[נו] אות ג': בְּאוֹתוֹ הַקַּיִץ בְּזֶה אוֹתִי רַבֵּנוּ פַּעַם אַחַת בְּשַׁבָּת אַחַת, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁבָּא מֵהַדֶּרֶךְ חָזַר וְקֵרְבַנִי הַרְבֵּה וּכְאָב אֶת בְּנוֹ הִרְצָנִי.

[נז] ע"פ לשון הפסוק משלי ג, יב: כִּי אֶת אֲשֶׁר יֶאֱהַב ה' יוֹכִיחַ וּכְאָב אֶת בֵּן יִרְצֶה.

[נח] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"א [עיין קונטרס הקודם].

ישראל'דיגע מוחין, אט דאס איז געווען דער וועג פונעם רבי'ן - מען זאל נישט גיין מיט קיין שום הקפדות, דערמיט וועט מען זיך האלטן[נט].

❖

## "דאס איז נישט קיין ברסלב'ער!"...

ווען אונזערע לייט וואלטן ווען געגאנגען דעמאלט אין די צייטן פון רבי נתן'ען מיט 'חובלים' - ווער ווייסט וואס וואלט געווען? ווער ווייסט וואס וואלט געווען?... מען האט אפגעשוויגן און אפגעשוויגן, געליטן בזיונות און אפגעשוויגן - דער סוף האט זיך אויסגעלאזט זייער שיין.

מען קען זיך נישט אויסמאלן וואספארא חולקים רבי נתן האט געהאט בחייו. רבי נתן האט געהאט בחייו אזעלכע חולקים - הָא, דאס איז נישט קיין קליינּיקייט! עס איז נאר געווען דער כח פון דעם רבי'ן, דער כח פון תפילה, ער האט זיך נישט גענוצט מיט קיין שום חובלים, נאר מיט נעימות.

דאס איז א געוואלדיגער כח, אפילו די מתנגדים אליין האבן דאס אויך גענומען אין געדאנק אריין, זיי האבן געזעהן - די ברסלב'ער זענען כסדר די נרדפים, זיי שווייגן.

טאקע לעבן טירהאוויצע, אז ר' סענדער (טירהאוויצער) האט מקרב געווען אסאך מענטשן צום אויבערשטן - ער איז געווארן גרויס און גרויס, און די עבודה זיינע איז געווען געוואלדיג גרויס.

איז געווען אין דער צייט איינער א מפורסם וואס האט געהאט אסאך חסידים אין טירהאוויצע, און זיי האבן דארט געהאט אויך א בית מדרש. ווען ער האט

---

[נט] עיין חיי מוהר"ן אות רי"ח: בְּאוּמָּין קֹדֶם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן הָיָה מְסַפֵּר עִם אֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ מֵעִנְיַן הִסְתַּלְּקוּתוֹ, שֶׁכְּבָר הוּא אֶצְלוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים אַחַר הִסְתַּלְּקוּתוֹ כִּי מֵעֵת שֶׁבָּא עָלָיו הַחוֹלַאַת הוּא נֶחְשָׁב בְּעֵינָיו שֶׁכְּבָר נִסְתַּלֵּק מִן הָעוֹלָם, וְאָמַר שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ בְּאֵיזֶה זְכוּת הוּא חַי בְּנֵס כָּל שָׁלֹשׁ שָׁנִים אֵלּוּ וְכוּ' אָז סִפְּרוּ אֲנָשָׁיו עִמּוֹ וְהָיוּ מִתְאַנְּחִים מְאֹד כִּי מַה נַּעֲשֶׂה וְעַל מִי יַעֲזֹב אוֹתָנוּ? וְהֵשִׁיב: **רַק אַתֶּם תַּחֲזִיקוּ עַצְמְכֶם בְּיַחַד, אָז תִּהְיוּ אֲנָשִׁים כְּשֵׁרִים. וְלֹא כְּשֵׁרִים בִּלְבַד אֶלָּא אֲפִלּוּ צַדִּיקִים וְטוֹבִים תִּהְיוּ.** כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יַעֲזֹר לִי בְּוַדַּאי שֶׁיִּהְיֶה כִּרְצוֹנִי כַּאֲשֶׁר רָצִיתִי מִכְּבָר, כִּי בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם גָּמַרְתִּי וְאֶגְמֹר כִּרְצוֹנִי בְּוַדַּאי [**בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ אוֹיס גִּיפִירְט אִין װֶועל אוֹיס פִירְן**].

געהערט אז ר' סענדער איז געווארן גרויס, האט ער זיך צוגעגרייט (א פלאן) צו פארן קיין טירהאוויצע, און ר' סענדער וועט דאך מסתמא אריינקומען אים געבן שלום, זאל מען נעמען ר' סענדער און אים אנהויבן שמייסן - אזוי האט ער אפגערעדט מיט זיינע מענטשן.

מען האט זיי א נאמען געגעבן "סענדערעראוועקעס"... (- על שם ר' סענדער).

נו, ר' סענדער איז געווען זייער צוטראגן דערפון, ער האט נישט געוואוסט וואס ער זאל טוהן. האט אבער דער אויבערשטער זיי אריינגעגעבן אזא געדאנק (- לַמתנגדים); פאר טירהאוויצע איז דארטן דא א שטעטעלע - איך האב פארגעסן ווי אזוי דאס הייסט, וואס דארטן איז אויך געווען איינער א מפורסם. און דער ערשטער מפורסם האט אויך געהאט דארטן א טייל פון זיינע חסידים. איז ער אריינגעפארן פריער דארטן, און דארטן האט מען זיך געשלאגן און גע'הרג'עט איינער מיטן צווייטן - די מעריצים פון די חסידים מיט די חסידים, דארטן האט מען נישט געשוויגן... דארטן האט מען זיך געשלאגן איינער מיטן אנדערן, חברה, עס איז געווען ממש א געוואלד, זיי זענען געגאנגען אזוי אנטקעגן - האט ער געהאט דארטן א גוטן קלאפ.

דער אויבערשטער האט אזוי צוגעפירט אז ער איז צוליב דעם שוין אינגאנצן נישט געקומען קיין טירהאוויצע.

האט רבי דוד'ל טאלנער געזאגט: "דאס איז נישט קיין ברסלב'ער!"...

"דאס איז נישט קיין ברסלב'ער! - זיי שלאגן זיך נישט, זיי שלאגן זיך נישט!"...

אונזערע לייט זענען תמיד געווען די נרדפים און די "נחבא אל הכלים" אנטקעגן אנדערע.

און ביי אונז אליין איז געווען אהבה. עס איז מקויים געווארן דעם רבי'נס ווארט[ס]: "די וועלט קער זיך פארוואונדערן אויף די אהבה וואס עס איז דא צווישן מיינע לייט!" - עס איז אזוי געווען.

❖

[ס] חיי מוהר"ן רצ"ב.

## "צו וואס גייסטו מיט דעם שלעפער אין גאס?!"

אז ר' בן ציון אפטער איז געקומען קיין סאקאלאוו. דארטן איז דאך געווען רבי מרדכי סאקאלאווער - דער רב אין סאקאלאוו, ער איז געווען א גרויסער וועלט'ס למדן, ער האט זיך אנגעזעהן אין דער וועלט, ער איז געווען פון די לומדים. איז ר' מרדכי מיט ר' בנציון'ען ארומגעגאנגען אין שטאט אים מאכן עפעס געלט.

ר' בן ציון איז געגאנגען דארטן אזוי... דא (אין ארץ ישראל) איז ער שוין געווען א געפוצטער(!), אבער אין פוילן איז ער געגאנגען לא עלינו אפגעריסן און אפעשליסן, מיט א גאטקע אויף דער האלז אזוי. און דער סאקאלאווער רב - ר' מרדכי, איז געגאנגען מיט אים אין גאס...

זי פלעגט זאגן - די רביצין זיינע: 'געוואלד-געשריגן, פארוואס דארף ער זיך אזוי ארייַנלייגן?! א בושה - דער!'. "וואס גייסטו מיט דעם שלעפער אין גאס?! פארוואס גייסטו מיט אים אין גאס?!".

ער פלעגט זאגן אויף אים גרויסקייטן (- ר' מרדכי אויף ר' בן ציון'ען).

מען רעדט דאך דערפון אז עס איז געווען אהבה

(ר' חיים שלמה: ר' בן ציון האט אים מקרב געווען?) ניין, ער איז שוין געווען מקורב פון פריער, דאכט זיך ער איז מקורב געווארן דורך ר' נחום שוסטער.

❖

אט דאס דארפן מיר ארויסנעמען פון דער תורה, ברוך השם, מיר זענען דאך אין ארץ ישראל, און מיר האבן שייכות צום רבי'ן, דארפן מיר האבן ארץ ישראל'דיגע מוחין, מוחין פון נעימות, נישט פון קיין חובלים, רעדן מיט א נעימות איינער מיטן אנדערן.

אפילו ביי זיך אליין זאל מען אויך האבן א נעימות, התחזקות, נישט אראפפאלן ביי זיך, תמיד זיך מחזק זיין.

אז מען האט א מח פון דינים, אפילו עס איז הלכה'דיגע דינים, הייסט עס שוין א בחינת 'חובלים'. חז"ל זאגן דארטן[סא]: "די תלמידי חכמים שבבבל איז געווען חובלים זה לזה בהלכה!" - איז דאך עס געווען הלכה'דיג. נאר וואס דען, עס איז געווען תורה מיט חובלים. איז עס א פגם - כאטש עס איז הלכה'דיג, עס איז פארט חובלים.

אז צוויי מענטשן קריגן זיך אין הלכה - ממש אין הלכה קריגן זיי זיך, דארף מען זיך נישט קריגן, מען קען רעדן שטילערהייט, (אז נישט) רוקט זיך אריין עפעס א מין פגם, כאטש בשעת מעשה ווען מען בייסט זיך אין הלכה - פילט מען דאס נישט, אבער נאכדעם פילט מען עס, עס גייט אריין אין מח, עס ווערט א פגם אין מח.

❖

## נישט געוואוסט פון דעם גאנצן עסק

(ר' נחמן: איך האב געהערט פון ר' נחום יצחק פראנק; עס איז געווען דא ר' שמעון לידער, מסתמא האט איר געהערט פון אים, א גרויסער מקובל געווען. זיי זאגן אז ער פלעגט קענען אויסטייטשן קבלה אז יעדעם קינד זאל קענען פארשטיין. איז געווען עפעס א מעשה, עטליכע מקובלים האבן זיך צונויף גענומען אין דער צייט פון דער מלחמה ביים דייטש, מען האט געמאכט אז מען זאל אריבערפליען קיין ירושלים מיט א האָן - עפעס א גאנצע מעשה. ר' שמעון לידער האט גארנישט געוואוסט פון דעם גאנצן עסק, ער איז זיך געזעצן דארט אין שול, איז ארויפגעגאנגען דארטן איינער אויפן באלעמער און אנגעהויבן צו שרייען: "כישוף רח"ל! ר' שמעון לידער - א כישוף מאכער!" - יענער האט געמיינט אז ר' שמעון לידער האט אין דעם א חלק - ער האט געשריגן קולות - געמאכט געוואלדן. ר' שמעון לידער איז זיך געזעצן און האט גארנישט אפגעענטפערט. אויף צומארגנס איז ר' שמעון ארויף אויפן באלעמער: "רבותי, איך בין זיך מודה ומתוודה אז איך ווייס גארנישט פון דעם גאנצן עסק, איך האב נישט קיין שום חלק אין דעם!". האט מען אים געזאגט דארט: "ר' שמעון, איר האט דאך געקענט א זאג געבן די ווערטער בשעת מעשה ווען ער האט געשריגן דארט?". זאגט ער: "איך האב געזעהן אז ער איז אזא מין רַתחן, אז וואס איך וועל נאר ענטפערן וועט דער פייער נאר זיין גרעסער - האב איך אים אפגעשוויגן!").

❖

---

[סא] סנהדרין כד.

עס איז טאקע געווען אמאל אין ברסלב מיט רבי אהרן דער רב [- דער רבי האט דאך זייער געהאלטן פון רבי אהרן'ען דער רב!], (פעם אחת גער ר' אהרן בעז פנים אחד מהבעלי בתים בעיר שהתחצף כנגדו). וואס דארטן איז געווען - ווייסט מען נישט; א טייל זאגן אז רבי אהרן האט אים געגעבן א פאטש; און א טייל זאגן אז ער האט אים אזוי גוט אנגעזידלט.

נאכדעם האט ער דאך גערעדט פארן רבי'ן (כדרכו), האט ער גערעדט פארן רבי'ן (והסביר עצמו) אז ער איז גערעכט. האט אים דער רבי געזאגט: "איך ווייס אז דו ביסט גערעכט - דו זאלסט גערעכט אויך נישט זיין?! פונדעסטוועגן האסטו עס נישט באדארפט טוהן!".

דער עיקר איז דאך נאר די עצם זאך - די עצם זאך וואלט זיך אויסגעפירט אפילו ווען מען גייט נישט (מיט שארפקייט). על פי רוב זעהט מען ארויס אז יענער צולאזט זיך; אז מען גייט מיט יענעם מיט גוטן, האט יענער מער חרטה און מער בושה, יענער איז זיך מיישב - 'איך האב גערעדט אזוי - און דער איז געווען אזוי שטיל - ער האט נאר שטילערהייט גערעדט, ער האט מיר נישט צוריק געענטפערט'.

"איך ווייס אז דו ביסט גערעכט - דו זאלסט גערעכט אויך נישט זיין?! פונדעסטוועגן האסטו ווען דאס נישט געדארפט טוהן!".

(ר' נחמן: עס איז געווען עפעס אַן ענין פון דיני ממונות?) וואס - ווייס איך נישט, איך ווייס אז יענער איז געווען אַן עזות פנים'דיגער.

(ר' נחמן: עס איז געווען ביי רבי אהרן דער רב אין שטוב?) דאכט זיך מיר, אין בית מדרש.

❖

## וואס הייסט "ואם לאו - לאו"?

דאס ענין פון 'נעימות' איז פשט אזוי, איך דארף נישט קוקן אויף 'שוין', איך דארף נישט קוקן אויף דער 'רגע', מיט נעימות קען מען זיך אנרופן אמאל שפעטער אויך. מיר דאכט זיך, אז איך וועל גיין מיט אזא העכערן טאן - וועל איך אויספירן; קען זיין

**דו וועסט טאקע אויספירן אויך, אבער דער העכערער טאָן וועט דיר נוגע זיין צום מח; אז עס איז שוין צו הויך גערעדט, איז עס שוין א בחינה פון 'חובלים'.**

**דער רבי זאגט דארטן קעגן דעם פגם פון דער 'הכאת הצור'[סב]: "אם יתן - יתן, ואם לאו - לאו!" - מען זאל נישט זיין קיין 'דוחק את השעה'. פלעגן אונזערע לייט זאגן: אז איינער וויל א דבר שבקדושה - וואס הייסט "ואם לאו - לאו"? איך וויל דאך א דבר שבקדושה? נאר דער רבי מיינט קעגן - איך זאל זיך נישט עקש'נען אין זמן! איך זאל טאקע נישט אויפהערן ווען, אבער אין זמן קען איך זיך נישט עקש'נען[סג].**

**וואס הייסט 'דוחק את השעה'? איך קען נישט שטופן דער צייט! אפילו עס וועט געדויערן אביסעלע לענגער, אבער דאס ענין פון דחיקת השעה הייסט שוין א מין כעס און הקפדה. עס איז כדאי מען זאל צוואווארטן אביסל, דו וועסט אויספירן, דו וועסט אויספירן. פארוואס גייט דער מענטש מיט הקפדה? ווייל איך וויל נעמען 'שוין'! אט דער 'שוין' - דאס טויג נישט!**

(ר' נחמן: דאס איז א בחינה פון 'המתן'!) **אוודאי, 'המתן'[סד]. דאס הייסט, ווארט-צו.**

---

[סב] ליקוטי מוהר"ן סי' כ', אות ה', עיין שם.

[סג] עיין חיי מוהר"ן אות תל"א: **וַאֲפִלּוּ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם** צְרִיכִין לִפְעָמִים זֹאת לִבְלִי לְהַכְרִיחַ עַצְמוֹ יוֹתֵר מִדַּי, אַף עַל פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִהְיוֹת זָרִיז גָּדוֹל מְאֹד לְקַדֵּשׁ עַצְמוֹ כָּרָאוּי, וְלִזְכּוֹת לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּשְׁלֵמוּת בִּמְהִירוּת גָּדוֹל, וְאָסוּר לְהַנִּיחַ מִיּוֹם לַחֲבֵרוֹ כְּלָל, כִּי אֵין הָעוֹלָם עוֹמֵד כְּלָל אֲפִלּוּ כְּהֶרֶף עַיִן, וְעַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁיְּכוֹלִין לְהִתְגַּבֵּר לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה דָּבָר בַּעֲבוֹדַת ה' צְרִיכִין לַעֲשׂוֹתוֹ מִיָּד דַּיְקָא בְּלִי אִחוּר וְעִכּוּב כְּלָל, **אֲפִלּוּ רֶגַע אַחַת** כִּי מִי יוֹדֵעַ כַּמָּה מְנִיעוֹת וְעִכּוּבִים וְהִרְהוּרִים יִהְיֶה לוֹ בַּשָּׁעָה הָאַחֶרֶת, כִּי אֵין לְהָאָדָם בְּעוֹלָמוֹ כִּי אִם אוֹתָהּ הַשָּׁעָה וְאוֹתָהּ הָרֶגַע בִּלְבַד. **אַף עַל פִּי כֵן** לִפְעָמִים כְּשֶׁרוֹאִין שֶׁמִּתְגַּבְּרִין וּמַכְרִיחִין עַצְמוֹ לְאֵיזֶה דָּבָר וְאֵינוֹ עוֹלֶה בְּיָדוֹ. צְרִיכִין לִפְעָמִים לְהַמְתִּין וְלִבְלִי לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מִזֶּה, וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ כְּלָל בַּמֶּה שֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לְאוֹתוֹ הַדָּבָר. **וְיַמְתִּין קְצָת עַד שֶׁתָּבוֹא עִתּוֹ**. וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דָּבָר זֶה בִּכְתָב כְּלָל, וכו' עיין עוד שם. עיין גם שיחות הר"ן אות כ"ז; ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י'; הל' גזילה ה"ה, אותיות כ"א-כ"ב.

[סד] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ב' (ע"פ ליקוטי עצות): גַּם צָרִיךְ לָדַעַת שֶׁכְּשֶׁבָּא לִטָּהֵר וְלַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן, הַיְנוּ **אַף שֶׁהוּא צָרִיךְ לְמַהֵר מְאֹד לְהִמָּלֵט עַל נַפְשׁוֹ לִבְרֹחַ מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ, אַף עַל פִּי כֵן אַל יְבַהֲלוּהוּ רַעְיוֹנָיו, כְּשֶׁרוֹאֶה רִחוּקוֹ מִתְּפִלָּה וּמִכָּל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, כִּי הַהֶכְרֵחַ לְהַמְתִּין, עַד**

ווען ווּעמען הייסט מען ווארטן? דער וואס ער וויל קויפן 'אפרסמון'[סה], 'שמן משחת קודש', 'דעת' - דאס איז דאך אַן ערליכער איד. זאגט מען אים: 'ווארט צו'.

איי, וואס הייסט 'וואַרט'? איך וויל דאך קויפן אפרסמון, דאס איז דאך א גוטע זאך, פארוואס הייסט מען מיר ווארטן? מען הייסט דיר ווארטן כדי נישט צו זיין קיין 'דוחק את השעה', דערפאר מוזטו ווארטן! אז ער וויל נישט ווארטן, ער גייט שוין מיט כוחות, איז עס אַן ענין פון 'חובלים' וואס אפילו ער וועט אויספירן טויג עס אויך נישט!

❖

## בענין חינוך הבנים

(השואל: א קינד האט דער רבי געהאלטן מען זאל שלאגן?) **ניין!**

(השואל: דווקא שבת צו אינמיטן וואך אויך נישט?) **אינמיטן וואך אויך נישט[סו].**

**איין זאך טוהט מען - דער רבי האט געהייסן נישט שלאגן קיין קינד... אבער ער האט געהייסן אויך טוהן אנדערע זאכן - ער זאל אסאך בעטן דעם אויבערשטן![סז]**

(השואל: אבער עס שטייט דאך אז מען שלאגט נישט א קינד איז מען דאך - ) **יא יא, "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ - שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ - שִׁחֲרוֹ מוּסָר"[סח]; פלעגן אונזערע לייט זאגן: "חושך**

---

**שֶׁיִּזְכֶּה לְתִקּוּן גָּמוּר כָּזֶה, בְּחִינַת הַבָּא לְטַהֵר מְסַיְּעִין לוֹ וְכוּ' אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן וְהָבֵן.** גם עיין עלים לתרופה במכתב מיום ג' שלח תר"ד, מש"ש לבנו: **וַאֲפִלּוּ בַּעֲבוֹדַת ה' אַף עַל פִּי שֶׁצְּרִיכִין לְמַהֵר לְמַלֵּט עַל נַפְשׁוֹ מִפַּח יוֹקְשִׁים וְכוּ', אַף עַל פִּי כֵן שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁאָמַר לִי לְעִנְיַן זֶה אוֹמְרִים לוֹ הַמְתֵּן וְכוּ', וְכַאֲשֶׁר כְּבָר שָׁמַעְתָּ בָּזֶה הַרְבֵּה, וַעֲדַיִן עֲדַיִן יֵשׁ וְיֵשׁ בָּזֶה הַרְבֵּה לְדַבֵּר.**

[סה] עיין גמ' יומא לח: לט. ובליקוטי מוהר"ן שם.

[סו] שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי שֶׁשָּׁמַע מִמּוֹהַרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁמְּאֹד הִקְפִּיד רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עַל הַכָּאַת הַבָּנִים, כִּי יֵשׁ בָּזֶה סַכָּנָה. וּבִלְשׁוֹן תְּמִהָּ אָמַר פַּעַם אַחַת רַבֵּנוּ לְמוֹהַרְנַ"תְּ: "לְיֶלֶד מַרְבִּיצִים"? **"אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען"?**. וּמַאֲמַר הַכָּתוּב: "וְאוֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", פֵּרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וְלָמְדוּ: "כַּד תִּמְחֵי לִינוּקָא לֹא תִמְחֵי אֶלָּא בְּעַרְקְתָא דִּמְסַאנָא" (בָּבָא בַּתְרָא כ"א, ב'), יַעַן אֲשֶׁר בָּזֶה לְבַד לֹא נִמְצָא סַכָּנָה כַּנִּזְכַּר לְעֵיל. (שארית ישראל - מכתב כ"ח, מר' אברהם ב"ר נחמן ז"ל)

[סז] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג, אות ע'.

[סח] משלי יג, כד.

שבטו" - דער רוט הענגט, אבער נישט אז ער זאל אים שלאגן מיטן רוט, (רק יזהיר אותו:) 'עס איז דא א רוט!'.

(ר' חיים שלמה: עס שטייט דאך: "ואוהבו שיחרו מוסר"[סט]) וואספארא מוסר? מען רעדט! מען רעדט!

א האלבע זאך טוהט מען; די וואס ווילן נישט שלאגן קיין קינד און לאזן אים אפ - טויג דאך נישט, איך האב דאך אפגעטוהן נאר א האלבע זאך; פון קליינערהייט אָן מוז מען גיין מיטן קינד 'על טהרת הקודש', מען דארף שוין פון קליינערהייט אָן אנהויבן גיין אויפן וועג פונעם רבי'ן. וואס פריער מען הויבט אָן (מועיל יותר).

אפילו א קינד וואס האט נאך געזויגן - ער ווייסט דאך נאך גארנישט, האט מען ביי אונזערע לייט אפגעגאסן דאס קינד נעגל וואסער פארן זויגן - אזוי ווייט האט מען אים געהאלטן בטהרת הקודש; ממילא איז געווען נאכדעם גרינגער דער חינוך[ע].

וויבאלד מען גייט אין א וועג פון נישט שלאגן, מוז מען אנהויבן ווען דאס קינד האט נאך נישט קיין שום דעת - מען האט אנגעהויבן דעמאלט, ממילא איז דער חינוך געגאנגען אזוי איידל, אזוי הייליג, עס איז אים אנגעקומען דארטן גרינגער.

❖

## געוואלט איבערקערן דער באנק

(ר' נחמן: איך האב געהערט אז איינער פון די וויינבערג'ס וואס איז געווען אין ר' נחמן טולטשינער'ס צייטן, האט עפעס דערציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד -) יא יא, ר' ישראל וויינבערג, ער האט געוואוינט אין דער ניי שטאט. פלעגט ער קומען פרייטאג אין שול אריין (- אין

---

[סט] משלי יג, כד.

[ע] עיין שו"ע הרב או"ח סימן ד' - מהדורא תנינא, סעי' ב': **הנזהר מנגיעת הקטן מיום המילה ואילך קדוש יאמר לו.** גם עיין בן איש חי (פר' תולדות, אות י'): יזהר כל אדם לצוות לאשתו שתעשה כל יום נטילת ידים לילדים הקטנים, **אפילו שהם יונקי שדים**, מפני שלפעמים פושטים את ידיהם ונוגעים במאכלים ויטמאום, ותשרה סיטרא אחרא על המאכל ההוא, **וגם מנהג זה הוא סגולה טובה לקטנים כדי שיגדלו בטהרה, ויהיו גידולי קודש.**

אומאן. איינמאל אלס קינד) איז ער געקומען פרייטאג אין שול אריין. ר' נחמן טולטשינער האט דעמאלט צוגערוימט דער שול דארט - ער איז געווען דער שמש. האט ער געוואלט איבערקערן דעם באנק. איז צוגעגאנגען ר' נחמן: "אינגעלע, ס'איז דאך שווער - איך וועל דיר העלפן, מיר וועלןביידע איבערקערן דעם באנק!"...

- אזוי האט ער דערציילט פון די חכמה און די ליבשאפט פון ר' נחמן טולטשינער!

(ר' נחמן: איך האב געהערט אז די מענטשן אין שול האבן געזאגט: "ר' נחמן, גיט מען אמאל א פאטש - וואס איז?!", האט ער געזאגט: "דעם רבי'נס אן אייניקל!?") יא יא, דעם רבי'נס קינד![עא]

ער האט מיר געזאגט: ר' נחמן האט מיר אמאל א זאג געגעבן[עב]: "טוֹב לַגֶּבֶר כִּי יִשָּׂא עֹל בִּנְעוּרָיו!".

- אין מיינע צייטן איז שוין געווען איבער דרייסיג יאר שפעטער - ר' נחמן איז דאך נפטר געווארן תרמ"ד, אבער א קינד געדענקט דאך - האט (ער מיר געזאגט ווי אזוי) ר' נחמן האט אים אזוי געזאגט (מנגן בניגון איכה): "טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו!".

(ר' נחמן: ר' ישראל וויינבערג האט מאריך ימים געווען?) ניין, ער איז נפטר געווארן יונגערהייט, ער איז אלט געווען עטליכע און פערציג יאר.

ער איז געווען ר' אייזיק'ס אַן איידעם. (ר' נחמן: ר' אייזיק אייזנשטיין פון אומאן?) אוודאי.

ער האט געהאט א שיינע לעכטיגע בארד, און ער איז דאך געווען תמיד אין מאסקאווע אין די גרויסע ערטער, ער האט געהאט א שייכות מיט די גרויסע (רעגירונג באאמטע), און דארטן איז דאך נישט געווען שייך צו טראגן א בארד - 'אין מאסקאווע'? האבן זיי אים געפרעגט - 'וואס עפעס (טראגסטו א בארד)?' זאגט ער: "דער פאטער האט מיר געלאזט צוואה איך זאל זיך נישט שערן דער בארד -

---

[עא] עיין חיי מוהר"ן אות רע"ד: אָמַר מַה שֶּׁיִּהְיֶה נַעֲשֶׂה עִמִּי אֵינִי יוֹדֵעַ, אֲבָל זֶה פָּעַלְתִּי אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁהַגּוֹאֵל צֶדֶק יִהְיֶה מִיּוֹצְאֵי חֲלָצַי. וְאָמַר זֹאת בָּרַבִּים, **וְהִזְהִיר מְאֹד לְכַבֵּד וּלְהַחֲזִיק בַּחֲשִׁיבוּת גָּדוֹל אֶת בָּנָיו כִּי הֵם אִילָנוֹת יְקָרִים מְאֹד, וְיִהְיוּ גְּדֵלִים מֵהֶם פֵּרוֹת טוֹבִים וְנִפְלָאִים מְאֹד.** גַּם אָמַר שֶׁיּוֹצְאֵי חֲלָצָיו לָקַח מֵעוֹלָם הָאֲצִילוּת.

[עב] איכה ג, כז.

האלט איך דעם טאטן'ס צוואה!"... איז ער געווארן דארטן אזוי חשוב, ווייל כאטש ער אליין וואלט אפשר יא געשוירן, נאר ער האלט דאך דעם טאטנ'ס צוואה...

פון דעם טאטן אין הימל...

ער איז געווען א געוואלדיגער בעל בכי, ער פלעגט זאגן תהלים אזוי געשמאק![עג]

זיין טאטע איז געווען (ר' שמחה דוד). ר' אפרים רבי נפתלי'ס (- תלמיד רבינו) האט זיך משדך געווען מיט ר' נחמן חיה'לעס[עד] (- נכד רבינו). רבי נפתלי'ס פאמיליע נאמען איז געווען וויינבערג.

(ר' נחמן: ר' יצחק שרייבט עפעס צו ר' נחמן טולטשינער א בריוו), **יא יא**[עה].

(ר' נחמן: עס איז טאקע דער ר' נחמן חיה'לעס?) **יא יא, דאס איז געווען דעם רבי'נס אייניקלעך - פון ר' נחמן חיה'לעס.**

(ר' נחמן: ר' זלמן דער רב האט אויך חתונה געהאט מיט עפעס אַן אייניקל!) **דאס איז עפעס אנדערש, יא, ער האט געהאלטן דעם רבי'נס אַן אייניקל, אבער זי איז נישט געווען פון ר' נחמן חיה'לעס.** (ר' נחמן: אבער - פון חיה'קען?) **דאס ווייס איך נישט.**

❖

## "דער 'יורה דעה' זאגט - דיר קומט א פאטש!"

אז מען וויל מקיים זיין דעם 'נישט שלאגן', דארף מען האבן א גאנצע הכנה צוגעגרייט - געבן דאס קינד אמאל א מתנה, זיך צוגרייטן מיט רייד (וכדו'). דאס דארף האבן א חינוך, דאס איז דאך נישט שייך נאר אויף א טאג, דאס איז דאך א חינוך אויפן (גאנצן לעבן), דארף מען דאך דאס צוגרייטן מיט אנדערע זאכן. אויב דאס

---

[עג] עיין שיש"ק ח"ד, אותיות תק"ה, תק"ל; ח"ה, אות קנ"ב.

[עד] בנו של ר' אפרים ב"ר נפתלי - ר' שמחה דוד, נשא את מרת חנה בת ר' נחמן חיה'לעס.

[עה] מיום ד' תולדות תרכ"א. נדפס בסוף ספר עלים לתרופה.

נישט - און אנדערע (מיטלען) וועל איך אפלאזן - טויג דאך נישט, דאס קינד קען דאך גיין צוגרונד.

מען דארף זיך צוגרייטן. דאס הייסט, מיט אסאך תפילות, צוגרייטן דיבורים, רעדן מיט אים, געבן דאס קינד א מתנה באופן אז דאס קינד זאל האבן אהבה, עס איז דא (פארשידענע מיטלען).

(אחד הנוכחים: א פאטש האט מען קיינמאל נישט געגעבן? מען דארף טאקע תפילה טוהן, אבער אמאל דארף מען דאך...?) דער אויבערשטער זאל דיר העלפן דו זאלסט אנהויבן באלד באלד, נאך איידער - - וועסטו זעהן ווי דער אויבערשטער וועט העלפן אז דו וועסט קענען גיין אזא גאנג, דו וועסט נישט דארפן אנקומען דערצו!

(ר' חיים שלמה: עס שטייט אין תנא דבי אליהו[ע], פון א כהן וואס האט אסאך געבעטן פאר זיינע קינדער!)

מיר האבן געזעהן מענטשן וואס האבן קיין קינדער נישט געשלאגן - און זיי האבן געהאט גוטע קינדער!

יעדעסווארט וואס דער רבי האט געזאגט, קען מען מקיים זיין. נאר וואס דען, אמאל קומט דאס אָן שווער. דער רבי האט נישט געזאגט קיין ווארט וואס מען זאל בשום אופן נישט קענען מקיים זיין!

דער אויבערשטער זאל העלפן, דאס חינוך פון דעם קינד דארף מען אנהויבן נאך איידער ער ווערט געבוירן - און נאך פריער - - נאר וואס דען, אז מען האט שוין אנגעהויבן נאכן געבוירן, קען מען און מען קען - מען קען פאלגן דעם רבי'ן אין דער זאך אויך.

---

[ע] עיין פרק י"ח: מעשה בכהן אחד שהיה ירא שמים בסתר וכל מעשיו הטובים שהיה עושה היה עושה בסתר והיה לו עשרה בנים מאשה אחת ששה זכרים וארבע נקבות **ובכל יום ויום היה מתפלל ומשתטח ומבקש רחמים ומלחך בלשונו עפר כדי שלא יבא אחד מהן לידי עבירה ולידי דבר מכוער.** ואמרו לא יצתה אותה שנה ולא שנית ולא שלישית עד שבא עזרא והעלה הקדוש ברוך הוא על ידו את ישראל מבבל ואותו הכהן עמהם **ולא נכנס הכהן ההוא לעולמו עד שראה כהנים גדולים ופרחי כהונה מבניו ומבני בניו עד חמשים שנה ואחר כך נכנס אותו הכהן לבית עולמו.**

עס איז פארהאן אמאל, אז דער טאטע גיט א שלאג דעם קינד, קען דארט אמאל ליגן נישט נאר די מצוה פון חינוך, עס קען אמאל זיין דארט כעס אויך, עס קען אין דעם פאטש ליגן אמאל כעס אויך - אט דעם כעס קען אים שאטן צו עבודת השם.

זיי דערציילן דאך פון ר' אלחנן וואסערמאן, ער האט געהאט א בחור אין זיין ישיבה - א זון זיינער. האט ער אמאל געטוהן א זאך וואס ר' אלחנן האט נישט געוואלט ליידן, האט ער אים צוגערופן צו זיך און געעפנט דעם יורה דעה: "דער 'יורה דעה' זאגט אז דיר קומט א **פאטש!**" - און ער האט אים געגעבן א פאטש.

'אזוי שטייט דא - אז דיר קומט א פאטש!'

ער איז א געהויבענער איד געווען, ער האט זייער געהאלטן פון דעם רבי'נס זאך. אפילו דעם פאטש האט ער געוואלט עס זאל נישט זיין - נאר מיט ישוב הדעת.

❖

## נישט קושן און נישט פאטשן

דער רבי האט געזאגט[עז]: "איר זאלט זיך נישט לאזן נארן!". אויף דער זאך איז אויך שייך דעם דיבור 'איר זאלט זיך נישט לאזן נארן'.

מען ווייסט טאקע, טאטעס ווערן אמאל אין כעס, נאכדעם ווערן זיי אויפגערעגט, און די מאמע וויל דאס נישט ליידן - עס ווערט א גאנצער געשעפט און א קריגעריי, א גאנצע מרירות ווערט אין שטוב דערפון; עס האט זיך אנגעהויבן פון דעם וואס דער טאטע האט נישט געהאט דעם גרויסן ישוב הדעת צו ער דארף געבן דעם קינד דעם פאטש צו נישט.

עס איז דא, מען קען מיט אזעלכע ווערטער און מיט גוטע רייד וואס מען רעדט מיט א דבר מוסר, (פועל'ן) אז דאס קינד זאל קומען נאכדעם וויינען ווייל ער זאל זיך

---

[עז] שיחות הר"ן נ"א.

**שעמען. עס איז דא וועגן מיט וואס מען מאכט בעסער ווי א פאטש, פארשטייסט?! דאס איז א לימוד! עס איז א לימוד!**

עס איז געווען טאטעס וואס האבן געפאלגט דעם רבי'ן, ביידע זאכן, זיי האבן קיין קינד נישט געקושט קיינמאל - דאס אויך נישט - א קינד זאל מען נישט קושן. און נישט געפאטשט.

דער רבי ברענגט דאך[עח]: "עס איז א סגולה צום קינד מען זאל אים נישט ארויסווייזן די ליבשאפט!" - דאס איז אויך נישט געווען קיין גרינגע זאך - קיינמאל נישט געבן א קוש א קינד!

אין שול אין אומאן, געדענק איך, אמאל האט איינער געגעבן אין שול א קינד א קוש, און איינער האט געגעבן א קינד א פאטש. זענען צוגעגאנגען די זקנים און האבן אים געזאגט: "**אין א שול קושט מען נישט און מען פאטשט נישט!**".

אין א שול קושט מען דעם אויבערשטן מיט יראת השם! נישט ארויסווייזן קיין אנדערע אהבות אין שול![עט] נישט קושן א קינד אין שול, און נישט פאטשן א קינד אין שול - נאר יראת השם און אהבת השם.

❖

## אנטלאפן פון דעם טאטנס פעטש

דער ענין פון חינוך איז נישט קיין גרינגע זאך, דאס איז אַן עבודה! די טאטעס וואס ווילן טאקע א חינוך פאר זייערע קינדער על טהרת הקודש, וואס דאס איז דאך אַן עבודה, וועט אים דער אויבערשטער העלפן אז ער וועט קענען.

---

[עח] עיין שיחות הר"ן, אות נ"ט (מתוך ליקוטי עצות): **מְסֻגָּל יוֹתֵר לְבָנִים שֶׁיִּתְקַיְּמוּ אֶצְלוֹ לִהְיוֹת רָחוֹק מֵהֶם, דְּהַיְנוּ לִבְלִי לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם הַרְבֵּה וּלְשַׁעְשֵׁעַ אִתָּם בְּכָל פַּעַם. רַק לִבְלִי לְהִסְתַּכֵּל עֲלֵיהֶם, רַק מַה שֶּׁצְּרִיכִים לְחַנְּכָם בַּעֲבוֹדַת ה' כְּשֶׁמַּתְחִילִין לְהִתְגַּדֵּל, אֲבָל לֹא לְהִשְׁתַּעְשֵׁעַ בָּהֶם הַרְבֵּה.**

[עט] עיין רמ"א או"ח סימן צ"ח סעיף א': **ואסור לאדם לנשק בניו הקטנים בבהכ"נ, כדי לקבוע בלבו שאין אהבה כאהבת המקום.**

צו פיל פחד און אימה טאר מען אויך נישט ווארפן אויפן קינד, עס קען אמאל שאטן צום מח אויך - דאס איז א לימוד. (ר' נחמן: עס שטייט אין שולחן ערוך[פ] אז מען זאל נישט זאגן פאר קיין קינד "איך וועל דיר שלאגן" - פון פחד!)

מיר האט איינער דערציילט אין דייטשלאנד [- איך בין געשטאנען דארטן מיט די אונגארישע אידן אין די מחנות (- העקורים, אחרי מלחמת העולם השניה)], עס איז געווען איינער א חסיד'ישער איד וואס איז געזעצן פרייטאג צונאכטס מיט די קינדער - געזונגען זמירות, און איין קינד ביים טיש איז געווען נישט אזוי... ער האט נישט געוואלט זינגען קיין זמירות, ער האט דארטן געפייפט - זיך צופייפט ביים טיש... האט אים דער טאטע געגעבן - ער האט אים גוט אנגעפאטשט. איז דאס קינד אוועק די נאכט; אינדערפרי איז ער געוואויר געווארן אז ער האט זיך שוין גע'שמד'ט...

ער (- המסַפר) איז געווארן נאנט צו אונז אין דייטשלאנד, ער פלעגט לערנען ליקוטי מוהר"ן. האב איך אים דערציילט פון דעם רבי'ן אז דער רבי האט געהייסן נישט שלאגן קיין קינד, האט ער מיר דערציילט די מעשה. עס איז נישט געווען ביי אים, נאר ער האט געקענט יענעם מענטש וואס האט געשלאגן זיין קינד און דאס קינד האט זיך גע'שמד'ט רח"ל.

❖

יעדע זאך וואס מען וויל פאלגן דעם רבי'ן קומט נישט אָן גרינג - אפילו נישט אזעלכע שווערע זאכן. אז מען וויל פאלגן דעם רבי'ן, וויבאלד דער רבי האט אזוי געזאגט - איז שוין נישט גרינג. אז דער צדיק זאגט א ווארט - זאגט ער דאך א ווארט וואס איז נוגע צום תיקון הנפש - איז דאס שוין נישט גרינג[פא].

---

[פ] עיין כף החיים יו"ד, סי' קט"ז: **לא יאיים על התינוק שיכהו לאחר זמן, אלא אם רואהו עושה מעשה רע, יכהו מיד, או ישתוק לגמרי. ומעשה בתינוק שברח מבית הספר, והפחידו אביו שיכהו, הלך התינוק והמית את עצמו.** (מסכת שמחות פרק ב', שמירת הנפש אות קמ"ו)

[פא] עיין שיחות הר"ן קפ"ה: **וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: כָּל הַנְהָגָה וְהַנְהָגָה שֶׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא סְגֻלָּה, וְתִקּוּן. וּמוֹעִיל עַל מַה שֶּׁעָבַר, וְעַל הֶעָתִיד, וּלְאַחַר הַהִסְתַּלְּקוּת שֶׁל הָאָדָם, וְלִימוֹת הַמָּשִׁיחַ, וְלִתְחִיַּת הַמֵּתִים, וְלֶעָתִיד לָבוֹא. וְכָל מַה שֶּׁצִּוָּה לַעֲשׂוֹת, אֲפִלּוּ הָיָה נִרְאֶה דָּבָר קַל וּפָשׁוּט מְאֹד, הָיָה**

ווען דער רבי האט געגעבן דארטן די צעטלעך, איז געווען אזעלכע זאכענישן וואס עס איז גאר נישט געווען קיין שווערע זאכן, און ער האט אנגעזאגט מען זאל דאס געדענקען![פב] ווייל אז דער צדיק זאגט אזעלכע זאכן וואס עס איז נוגע צום תיקון הנפש, איז דאס שוין שווער מקיים צו זיין.

❖

## דאס חשיבות פון חינוך ביי רבי נתן'ען

רבי נתן האט דאך געליטן דארטן מיט די חולי מעיים, ער איז געווען א שוואכער מענטש, און ער האט דאך אפגעהיטן דעם חצות. חצות אין דעם ווינטער אין אוקריינע איז ממש נישטא ווען צו שלאפן; נאך צען הויבט זיך שוין אָן חצות, און ווינטער לערנען די מלמדים ביינאכט מיט קינדער. האט רבי נתן זיך נישט געלייגט שלאפן ביז די קינדער זענען געקומען פון חדר, ער האט געגעסן מיט זיי צוזאמען נאכטמאל, געבענטשט צוזאמען, געלייגט שלאפן די קינדער! - אזוי האט רבי נתן אפגעהיט דעם חינוך פון די קינדער.

די קינדער זאלן עסן מיט אים צוזאמען נאכטמאל, זיי זאלן בענטשן צוזאמען מיט אים, און ליינען קריאת שמע.

ווען רבי נתן זאל ווען זיך לייגן שלאפן פריער מיט א שעה, וואלט (ער דאך געווען מער אויסגערוהט). דער חינוך איז אבער געווען ביי אים זייער גרויס; אז ער וועט לאזן די קינדער - וועט דאס עסן שוין נישט זיין אזוי, דער בענטשן וועט שוין נישט זיין

---

**כָּבֵד מְאֹד עַל הָאָדָם לַעֲשׂוֹת. וְהָיָה מֻנָּח עָלָיו כָּל מִינֵי כְּבֵדוּת וְהָיוּ עָלָיו כַּמָּה וְכַמָּה מְנִיעוֹת אַף עַל פִּי שֶׁהַדָּבָר הָיָה דָּבָר פָּשׁוּט.** וְאִלּוּ לֹא הָיָה מְצַוֶּה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, לַעֲשׂוֹת אוֹתוֹ הַדָּבָר, רַק הָאָדָם הָיָה רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת זֹאת מֵעַצְמוֹ הָיָה קַל עָלָיו מְאֹד לַעֲשׂוֹת, אֲבָל כְּשֶׁצִּוָּה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, לַעֲשׂוֹתוֹ הָיָה כָּבֵד מְאֹד. אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן הָיוּ אֲנָשִׁים שֶׁלּוֹ מְקַיְּמִים דְּבָרָיו תָּמִיד. כִּי יָדְעוּ מִזֶּה שֶׁדְּבָרָיו שֶׁהוּא מְצַוֶּה כָּבֵד מְאֹד לַעֲשׂוֹתָן וְהָיוּ מַכְרִיחִים עַצְמָם מְאֹד מְאֹד לְקַיֵּם דְּבָרָיו דַּיְקָא. וְהָיוּ מִתְחַנְּנִים וּמְבַקְשִׁים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה שֶׁיַּעֲזֹר אוֹתָם לְקַיֵּם דִּבְרֵי הַנְהָגוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֲזָרָם עַל זֶה. וְשָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵרוּשׁ שֶׁאָמַר: כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת הוּא כָּבֵד מְאֹד לַעֲשׂוֹת וְכוּ, עיין עוד שם.

[פב] עיין שיחות הר"ן שם; חיי מוהר"ן אותיות תצ"א-תצ"ב.

אזוי, און דאס ליינען קריאת שמע. - רבי אברהם ר' נחמן'ס האט דאס דערציילט 'עד היכן' איז געווען דער חינוך אזוי פיל גרויס ביי רבי נתן'ען, אז ער האט צוגעווארט מיטן זיך לייגן שלאפן.

ווען וועט ער שוין קענען גיין שלאפן? א שעה פאר חצות? די קינדער האבן דאך געקענט זיין אין חדר ביז אכט אזייגער ביינאכט - צו אפילו האלב אכט, און אז מען קומט אהיים, מען עסט עפעס אפ - ווען וועט ער (שוין גיין שלאפן)? דער תירוץ איז, דער חינוך איז געווען ביי אים אזוי פיל גרויס! דאס קינד זאל וויסן - אז רבי נתן זיצט ביים טיש וועט ער אנדערש עסן מיט דעם טאטן, וועט ער אנדערש בענטשן, און אנדערש ליינען קריאת שמע.

אז די קינדער זענען געגאנגען שלאפן, האט ער זיך צוגעלייגט.

- האט ער אונז דערציילט די גרויסקייט פון רבי נתן'ען ווי אזוי ער האט מקיים געווען דעם חינוך.

זעהען מיר דאך, ער האט יא מקיים געווען דעם חינוך. נאר וואס דען, אויף חינוך דארף מען זיך אונטערגארטלען. א איד וואס שטייט אויף חצות - איז צען אזייגער דארף ער שוין זיין אויף, דארף ער זיך שוין לייגן שלאפן כאטש א דריי שעה פריער, דער מח זאל זיין אויסגערוהט - א קלייניקייט רבי נתן'ס א חצות?! מיט מוחין, מיט לימוד, מיט אלעס! פונדעסטוועגן, דעם חינוך האט ער נישט אפגעלאזט. חינוך איז חינוך.

רבי נתן האט טאקע געהאט א גרויסן מח. מען רעדט דאך אבער, פאר אים וואלט דאך געווען אסאך בעסער אז ער זאל שלאפן מער מיט א שעה, אבער ער האט דאך קינדער, ער איז מחוייב בחינוך.

ער האט געוואוסט פון דעם רבי'ן אז אויף יעדער זאך דארף מען האבן ישוב הדעת; 'מרוב התבודדות' איז אים מבורר געווארן אז ער דארף צוואווארטן ביז די קינדער קומען פון חדר. ער האט נישט געהייסן אז דער מלמד זאל לערנען ווייניגער מיטן קינד ביינאכט - דאס האט ער אוודאי נישט געהייסן...

אמאל, ווינטער האט מען געלערנט ביינאכט מיט די קינדער. מען קומט פון חדר, מען גייט זיך וואשן, מען גייט עסן - זאל דאס קינד זעהן ווי דער טאטע עסט מיט א דרך ארץ.

זעהן דעם טאטן עסן - דאס איז אויך א חינוך פון א קינד!

ממילא אז דאס קינד קומט צוגיין אין שטוב אריין, וועט ער נישט ארומלויפן שרייען... דער חינוך איז געווען געוואלדיג גרויס אויף יעדן טריט, ממילא האט מען שוין נישט געדארפט שלאגן.

❖

## נישט געהייסן קיין שווערע זאכן

היינט האט מען דאך עטליכע צימערן. אמאליגע ערליכע אידן האבן געהאט איין צימער - נישט קיין צוויי צימערן, מען האט פארהאָנגען א פארהאנג וואס דאס איז געווען דער אנדער צימער וואס דארטן זענען געווען עטליכע קינדערלעך, און אים איז געבליבן א ווינקעלע וואס דארט איז ער אויפגעשטאנען חצות און געדינט דעם אויבערשטן.

היינט איז ברוך השם דא עטליכע צימערן מיט א קיך - די היינטיגע קיך האט מען אמאל נישט געהאט... און אזוי האט מען געדינט דעם אויבערשטן.

איך געדענק, ר' ברוך - ר' געצע'ס איידעם איז אמאל אנגעקומען ביינאכט צו מיר. נו, אז ער איז אריינגעקומען ביינאכט, איז מען מקיים הכנסת אורחים. מען האט דאך געהאט איין צימער, האט ער געמאכט א פארהאנג און פארהאָנגען, איז שוין געווארן צוויי צימערן, און ער האט זיך שוין געלייגט...

די דחקות איז געווען אמאל זייער גרויס. היינט, ברוך השם, א איד האט דריי צימערן מיט א קיך מיט אלעס. היינט קען מען אפילו אויספירן צו האבן א חדר מיוחד ביי חצות אז מען זאל נישט שטערן די קליינע קינדער פון שלאף...

יעדע זאך וואס דער רבי האט געזאגט קען מען מקיים זיין אז מען וויל; נאר וואס דען, מיט אסאך תפילה! מיט אסאך ישוב הדעת קען מען יעדע זאך מקיים זיין!

דער רבי האט נישט געזאגט קיין גרויסע זאכן, קיין הפקירות[פג]. דער רבי האט אלץ גערעדט מיט א מידה. וואס איז די שווערסטע זאך? רעדן צום אויבערשטן - דאס איז דאך די שווערסטע זאך מקיים צו זיין - און וואס איז דא אזוי פיל שווער? וואס איז דאס אזוי פיל שווער?[פד] דער תירוץ איז, ווייל די זאך איז זייער נוגע צום תיקון הנפש, ווערט עס שווער.

אבער דער אמת איז, עס איז גארנישט אזוי פיל שווער; וואס איז דאס אזוי שווער?! 'כדבר איש אל רעהו' - איך האב אַן אמת'ן גוטן פריינד מיינעם וואס איך רעד זיך אוים פאר אים 'כל לבו' - 'כל לבו'! - וואס איז דאס אזוי פיל שווער?! נאר דערפאר ווייל דאס איז א זאך וואס ממש דער גאנצער תיקון הנפש פון דעם מענטש איז נוגע אין דער זאך, מאכט ער עס (- הבעל דבר) פאר א שווערע זאך, ווערט עס שווער[פה].

❖

[פג] עיין שיחות הר"ן אות נ"א: **יְכוֹלִים לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בְּלִי הֶפְקֵרוּת.**

[פד] עיין חיי מוהר"ן, אות תקנ"ח: **שָׁמַעְנוּ פַּעַם אַחַת מִשִּׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁאָמַר בְּפִיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם קַלָּה בְּיוֹתֵר לַעֲשׂוֹת מֵעֵסֶק קִנְיָן שֶׁמַּטְרִיחִין עַצְמָן בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה וְעִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה**, כִּי הֲלֹא אָנוּ רוֹאִין כַּמָּה יְגִיעוֹת יְגֵעַ הָאָדָם בִּשְׁבִיל לִנְסֹעַ עַל אֵיזֶה יָרִיד וְיוֹמָא דְשׁוּקָא שֶׁתֵּכֶף בְּמוֹצָאֵי שַׁבָּת צָרִיךְ לִטְרֹחַ וּלְחַפֵּשׂ אַחַר עֲגָלָה, וְנֶחְפָּז מְאֹד לִטְעֹן סְחוֹרָתוֹ עַל הָעֲגָלָה בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה, וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לִנְסֹעַ כָּל הַלַּיְלָה וּלְנַדֵּד שֵׁנָה מֵעֵינָיו וּמְשַׁבֵּר כָּל גּוּפוֹ מֵחֲמַת שֶׁצָּרִיךְ לֵישֵׁב עַל עֲגָלָה טְעוּנָה, וּשְׁאָר טְרָחוֹת וִיגִיעוֹת כַּיּוֹצֵא בָּהֶן כַּיָּדוּעַ לְהָעוֹלָם. וְאַחַר כָּךְ צָרִיךְ לַעֲמֹד כָּל הַיּוֹם עַל רַגְלָיו וְכוּ' וּבִפְרָט בִּימוֹת הַקֹּר הֶעָצוּם וְכוּ'. וְכָל אֵלּוּ הַטְּרָחוֹת וְהַיְגִיעוֹת הַכְּבֵדוֹת וְהַקָּשׁוֹת הוּא מַטְרִיחַ עַצְמוֹ עַל סָפֵק, כִּי סָפֵק אִם יַרְוִיחַ אֵיזֶה רֶוַח קָטָן אוֹ אוּלַי יְאַבֵּד גַּם הַהוֹצָאוֹת כַּמָּצוּי בְּרֹב הַפְּעָמִים. נִמְצָא שֶׁעַל עִסְקֵי פַּרְנָסַת הָעוֹלָם הַזֶּה מַטְרִיחִין עַצְמָן כָּל כָּךְ בִּיגִיעוֹת כָּאֵלֶּה עַל סָפֵק רֶוַח קָטָן. **וְהָעֲבוֹדָה הַגְּדוֹלָה שֶׁבַּגְּדוֹלוֹת הִיא הַתְּפִלָּה וְאַף עַל פִּי כֵן כְּשֶׁעוֹמְדִין לְהִתְפַּלֵּל מִתְפַּלְּלִין וְגוֹמְרִין הַתְּפִלָּה** (הוּבָא בְּלִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הִלְכוֹת תְּפִלַּת עַרְבִית הֲלָכָה ד', אוֹת ז').

[פה] עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ג, אות ט': **אַף עַל פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת הוּא דָּבָר קַל מְאֹד, אַף עַל פִּי כֵן הוּא מְבַלְבֵּל וּמְעַקֵּם דַּעְתּוֹ כָּל כָּךְ, עַד שֶׁעַל פִּי רֹב עִנְיָן זֶה שֶׁל תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קָשֶׁה עַל הָאָדָם יוֹתֵר מִכָּל הָעֲבוֹדוֹת קָשׁוֹת, וְכָל זֶה מֵחֲמַת חֶסְרוֹן אֱמוּנָה שֶׁאֵין לוֹ אֱמוּנָה בִּשְׁלֵמוּת שֶׁזֶּהוּ הָעִקָּר וְהַיְסוֹד.**

# געהיילט דעם פוס אין מקוה

היינט, מען גייט אין מקוה אריין - אווארעמע מקוה - אלעס פיין. אמאל איז געווען א מקוה מסירות נפש. איך ווייס טאקע נישט פארוואס, עס איז געווען אמאל גרויסע גבירים - און די מקוה איז געווען אזוי קאלט - עס איז געווען א געוואלד... מען האט דאס ביינאכט אנגעהייצט, אבער עס איז געווען א קוואלן, און פאַרטאָג איז עס אזוי קאלט געווען אז מען האט גארנישט געקענט דערקענען צו מען האט דאס אנגעהייצט ביינאכט... פונדעסטוועגן, אידן זענען געגאנגען אין מקוה אלע טאג!

קיבליטש איז געווען א שטעטעלע, עס איז געווען דארטן גבירים - און עס איז געווען א מקוה אָן א דאך. ווינטער איז די גאנצע שניי געלעגן אין דער מקוה, עס איז געווען מסירת נפש ממש - און אידן זענען געגאנגען אין מקוה.

עס איז געווען אמאל א חמשה עשר בשבט, האב איך געוואלט גיין אין מקוה - אז מען זאגט דאך נישט קיין תחנון מוז מען דאך גיין אין מקוה אריין[פו]. עס איז געווען א געוואלדיגער שניי, די גאנצע הויז איז געווען פארדעקט מיט שניי, און ביי די מקוה אליין איז דאך קיין דאך נישטא - איז די מקוה געווען פול מיט אייז און שניי.

איך וויל דאך גיין אין מקוה, בין איך אריינגעגאנגען פריער צו איר זיידן (ר' יעקב ישעיה ז"ל) - דעם שווער'ס שווער, ער איז געווען אַן ערליכער איד, ער פלעגט אויפשטיין ביינאכט חצות.

(ר' נחמן: איר האט אים געקענט?) יא, ער איז געווען א איד פון חצות. בין איך אריינגעגאנגען צו אים. איך האב אים נישט געזאגט אז איך וויל גיין אין מקוה אריין - ער וואלט מיר נישט געלאזט בשום אופן - 'ווי קען מען גיין?!'...

דערציילט ער מיר א מעשה: אלול איז שוין דארטן (- אין אוקריינע) קאלט, און ער איז געגאנגען דעמאלט אין מקוה אריין. קומט ער אריין - זעהט ער אַן ארעמאן אַן

[פו] עיין שיחות הר"ן אות קפ"ה: וְכֵן צִוָּה עַל רַב אֲנָשִׁים שֶׁיִּזָּהֲרוּ לֵילֵךְ לְמִקְוֶה לִטְבֹּל בְּיָמִים שֶׁאֵין אוֹמְרִים בָּהֶם תַּחֲנוּן.

אורח גייט אין מקוה איינמאל און נאכאמאל. האט ער אים פארבעטן צו זיך דארטן פאר אַן אורח.

**פרעגט ער דעם אורח: "איר זענט דאך אַן אורח, א פרעמדער מענטש, נישט אזוי שטארק אנגעטאן, פארוואס גייט איר עפעס אלע טאג אין מקוה? אנדערע אורחים גייען דאך נישט אין מקוה?!".**

האט מיר דער אורח דערציילט א מעשה: ער האט געוואוינט דארט און דארט - ער האט אנגערופן דעם ארט - און ער איז געווען דארט א גרויסער עושר. (ויהי היום) עס האט אים אנגעהויבן פוילן א פוס, האבן געזאגט דארטן די דאקטוירים - 'מען מוז אים אראפנעמען דעם פוס, ער וועט נישט אויסהאלטן אזוי, זיין גאנצער גוף איז איינגעשטעלט, ער מוז פארן קיין ווין וואו עס זענען דא די גרויסע פראפעסארן - זיי וועלן אים אראפנעמען דעם פוס!'.

האט ער זיך מיישב געווען, ער וועט פארן קיין ווין. האט ער פארקויפט זיין גאנצן פארמעגן און דאס צעטיילט צווישן די קינדער - ער פארט דאך אוועק קיין ווין - ער ווייסט דען צו ער וועט לעבן צו נישט?...

פארשטייט זיך, ווי לאנג ער איז געפארן אזוי קיין ווין מיט דעם פיר, איז דער פוס שוין נאך פיל ערגער געווארן - ממש עס איז געווען סכנות.

איז אים דארט אויסגעקומען אז שבת איז ער אריינגעגאנגען צו דעם פראפעסאר, האט ער אים געוויזן דעם פוס. האט ער געזאגט: "שוין אראפנעמען!". זאגט ער אים: "עס איז דאך היינט שבת - לאמירווארטן אויף מארגן!". האט אים דער פראפעסאר געזאגט: "מארגן וועט נישט זיין פון וועמען אראפצונעמען!"...

האט ער זיך מיישב געווען: "איך זעה דאך שוין ממילא וואס מיט מיר איז - לאמיר כאטש גיין פריער אין מקוה מיט דעם פוס!" איז ער געגאנגען פריער אין מקוה - האט ער געפילט עס ווערט אים עפעס בעסער.

האט ער זיך מיישב געווען - ער וועט ווארטן נאך א טאג. און אזוי איז ער אפגעווען אין ווין עטליכע וואכן, און דער פוס איז געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט - ער האט נישט אראפגענומען דעם פוס.

(הפטיר האורח:) **"אט דאס איז דער ארעמאן! דערפאר האב איך אויף זיך גענומען אלע טאג צו גיין אין מקוה!"**[פז].

- דאס האט דער ארעמאן דערציילט דעם שווער'ס (שווער). האב איך געהערט די מעשה - אוודאי בין איך שוין געגאנגען נאכדעם אין מקוה...

(אחד הנוכחים: מען טאר דאך נישט לכתחילה גיין אין מקוה אז עס איז שוין מיט אייז?) **מען טאר** נישט? ווי אזוי האט כָּלֵב געמעגט גיין צו דער מערת המכפילה צו די אבות הקדושים? זאגט דער זוהר[פח]: **"מַאן דְּאִיהוּ בְּדוֹחֲקָא, לָא אִסְתָּכַּל מִדִי!"**.

(אחד הנוכחים: ער פרעגט צו אייז איז א כשר'ע מקוה?) עס איז געווען פול מיט שניי פון אויבן, אז מען גייט אריין אונטן - איז דא וואסער. עס איז געווען בא'טעמ'ט... עס איז געווען גוט... אז מען האט נאר אריינגעטוהן דעם קליינעם פינגער - האבן שוין די ציינער געלאפן, די ציינער האבן זיך שוין געשאקלט - אזוי קאלט איז געווען די מקוה.

היינט פירט דער אויבערשטער אז מען האט נישט דעם נסיון; ברוך השם,ווארעמע מקוואות, דער חדר איזווארעם, אין שול איז ווארעם - ברוך השם! און דאס אלעם - פארוואס? ווייל דער אויבערשטער זעהט אז עס איז נישטא די מוחות און כוחות און דאס מסירת נפש וואס איז געווען אמאל, דעריבער פירט דער אויבערשטער אזוי צו.

איך וועל אייך געבן אלעם - נאר גיט מיר אויך עפעס, גיט מיר אויך עפעס! אלעם גיב איך אייך!

❖

---

[פז] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, אות ה': **הַמִּקְוֶה מוֹשִׁיעַ בְּכָל הַצָּרוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יִרְמְיָה י"ד): **"מִקְוֵה יִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעוֹ בְּעֵת צָרָה". כִּי הוּא חֶסֶד עֶלְיוֹן, שֶׁמּוֹשִׁיעַ מִכָּל הַצָּרוֹת.**

[פח] פר' שלח קנח:

# ר' יעקב ישעי' - חותן ר' אהרן קיבליטשער

דער זיידע איז נעבעך גע'הרג'עט געווארן - די באנדעס האבן אים גע'הרג'עט.

(ר' נחמן: בשעת איז זענט אנטלאפן פון קיבליטש?) יא יא, ער האט מיטגענומען דער טלית ותפילין, ער איז געגאנגען אויפן וועג, און אויפן וועג האט מען אים גע'הרג'עט.

ער איז געווען א געהויבענער איד, ער איז נישט געווען פון אונזערע לייט, אבער ער איז געווען אויף ביינאכט, א גרויסער מכניס אורח געווען, א בעל צדקה, א תמימות'דיגער איד.

(ר' נחמן: ער האט געוואוסט פון רבי'נס זאך?) דער שווער איז דאך געווען זיינער אַן איידעם - ער איז נישט געווען אַן אנדערער חסיד אויך...

(ר' נחמן: ער איז געווען א בעל בתי'שער איד?) יא, ער איז געווען א פארמעגליכער, מען האט געוואוסט אז ר' יעקב ישעי' - 'אַן אורח שיקט מען צו אים', 'צדקה - צו אים'.

(ר' נחמן: מסתם האט ער אויסגעהאלטן דעם שווער?) ווען דער שווער איז א חתן געווארן איז ער אלט געווען צוועלף יאר.

(השואל: ווען האט ער חתונה געהאט?) שפעטער מיט עטליכע יאר.

אז ר' פנחס איז געקומען קיין קיבליטש, האט ער (המחותן) אים גענומען אלס מלמד פאר זיין חתן - ער האט געצאלט פאר אים... אמאל איז אזוי געווען, אמאל האט מען געקענט ווערן א חתן ביי די זיבן-אכט יאר, און ער (המחותן) האט געדונגען א מלמד(!).

נו, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז; אז מיר זאלן זיך האלטן ביים רבי'ן - וועט מען אין אלע צייטן וויסן ווי אזוי זיך צו פירן. פארוואס? ווייל אין אלע צייטן דערציילט מען אלץ השי"ת; אז מען דערציילט השי"ת - ווערט! ווערט!

אז דער אויבערשטער העלפט דארטן - ער האט א קינד, דארף ער שוין דערציילן דעם אויבערשטן: 'רבונו של עולם, דו האסט מיר געגעבן א קינד - געלויבט השי"ת, אבער דו ווילסט דאך איך זאל האבן ערליכע קינדער וואס זאלן גיין בדרך התורה - העלף מיר, העלף מיר!' וואו איך גיב מיר א ריר - 'העלף מיר, העלף מיר, איך וויל אזוי, איך וויל אזוי...!'

❖

## "הָיִינוּ מִתְגַּלְגְּלִים אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת בֶּעָפָר"

(ר' נחמן: איר האט אמאל עפעס געזאגט איינער האט געשריבן, זיין זון עפעס א בריוו) **דער טאטע האט אויך געוואוינט אין אומאן. האט ער מיר געוויזן דעם בריוו וואס דער זון האט אים געשריבן - דער זון האט אים געשריבן: "דיינע דיבורי אמונה וואס דו האסט מיט מיר גערעדט, וואס דו האסט מיר געשריבן, דאס האלט מיר איצטער!"**

- דאס איז געווען טאקע דער קראסינשטיין - ר' אייזיק'ס זון, ער האט געהייסן ר' הערש לייב. ער האט געארבעט נאכדעם אין א באנק. האט ער (ר' אייזיק) מיר געוויזן דאס וואס ער שרייבט אים, אז די דיבורי אמונה וואס איך האב אים געשריבן - דאס האלט אים, דאס האלט אים!

דער טאטע פלעגט אים אלץ שרייבן בריוון - אים געשריבן דיבורי אמונה, דיבורי אמונה!

(ר' נחמן: עס איז דא נאך עפעס א בריוו - אז דו וועסט אויפשטיין חצות -) **דאס איז עפעס אנדערש, דאס איז געווען - ר' יצחק בער[פט] האט דאך געוואוינט אין טירהאוויצע. בשעת עס איז געווארן די גרויסע מחלוקת אין טעפליק** (מהמתנגדים)**, האט מען אים ארויסגענומען קיין טעפליק, ער האט געמאכט דארט שטיל - עס איז געווארן שטיל.**

---

[פט] ר' יצחק בער מטעפליק ז"ל, אחיו של ר' יקותיאל. מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל. יליד טירהאוויצע. מחותנו של ר' נחמן טולטשינער.

**איז ער דעמאלט אוועקגעפארן פון ר' יקותיאל'ן - זיינ'ס א ברודער, האט דער ברודער אזוי געוויינט - 'ר' יצחק בער פארט אוועק פון אים!', האט ער דעמאלט אזוי זיך געזעגנט פון אים: "קויף דיר א שערי ציון, און שטיי אויף אלע נאכט חצות, וועט דיר ווערן ל-ע-כ-ט-י-ג!" - אט דאס האט ער זיך מיט אים געזעגנט.**

(ר' נחמן: אבער נאך עפעס האט איר דערציילט, וועגן א בריוו וואס א טאטע האט געשריבן צו א זון - א סדר) **אָה, דאס מיינסטו; ער** (ר' אייזיק הנ"ל) **האט אים געשריבן אזוי: "אז דו וועסט אויפשטיין חצות, און דו וועסט אפלערנען א תורה אין לקוטי מוהר"ן, [און זאגן די תפילה], איז 'עולמך תראה בחייך'**[צ] **- דו וועסט האבן דעם גן עדן אויף דער וועלט!".**

**- דער זון** (ר' הערש לייב) **האט מיר געוויזן ווי דער טאטע האט אים דאס געשריבן.**

**אז מיר ווייסן אזעלכע דיבורים, דארף מען דאס מקיים זיין; עס איז דא א גן עדן התחתון, און א גן עדן העליון; עס איז דא א גן עדן התחתון - א הייליגער זמן אויפצושטיין!**

(ר' נחמן: רבי נתן שרייבט אזוי[צא]: "אַשְׁרֵי הָעֵת אַשְׁרֵי הַשָּׁעָה אַשְׁרֵי הָרֶגַע שֶׁזָּכִינוּ לַעֲמֹד לְפָנָיו לִשְׁמֹעַ הֶבֶל פִּיו הַקָּדוֹשׁ. מִי יִתֵּן לָנוּ עַכְשָׁו שָׁעָה כָּזוֹ הָיִינוּ מִתְגַּלְגְּלִים אֲלָפִים פַּרְסָאוֹת בֶּעָפָר כְּדֵי לִזְכּוֹת לָבוֹא לְפָנָיו לִשְׁמֹעַ הֶבֶל פִּיו הַקָּדוֹשׁ הָעוֹלֶה עַל כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת!") **יא!**

---

[צ] ברכות יז.

[צא] חיי מוהר"ן אות קכ"ו.

# על הטוב יזכרו ידידינו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס, הלא הם

מו"ה יואל פאלקאוויטש הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בנו החה"ח חנני' יו"ט
ליפא ני"ו עב"ג מו"ה שלמה זלמן
פריעד - לאנדאן הי"ו
למזל טוב

מו"ה אהרן משה
פריעד הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו
החה"ח יצחק אייזיק ני"ו
למזל טוב

מו"ה יואל
זילבערשטיין הי"ו
קרית יואל
לרגל נישואי בנו
החה"ח אהרן ני"ו
למזל טוב

מו"ה מרדכי יהושע
ראזענבערג הי"ו
מאנסי
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש**

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים